אן אויסגאבע פון די אידישע ארכיוון · מאנטאג און דאנערשטאג

# ארכיוון

נומער 1 מאנטאג, פרשת לך לך תשפ"ז · 19טן אקטאבער 2026

ארטיקלען, שמועסן און פערל פון צוואנציג יאר אידישע פארומס און בלאגס –
אויסגעקליבן און מגיה געווען, און צוריק צו די ליינער.


היסטאריע
**די וועלט איז רונדיג, אדער פלאך?**
האבן טאקע אלע געמיינט ביז קאלאמבוס אז די וועלט איז פלאך? · יידל, ערשטער טייל

הומאר
**א שבע ברכות ביי מומע יענטל**
יואב, פון די סאוער פיקלס ביז "וגן עדן מקדם"

פעליעטאן
**א ראבאטישע וועלט!**
זאלצוואסער, א טאג אין דער צוקונפט

הומאר
**א הספד אויפ'ן I-POD**
יגר סהדותא נעמט זיך געזעגענען

דיסקוסיע
**העלפט א ציגארעטל צו בארואיגן?**
א רויכיגער שמועס, 2012–2024

סייענס פון די ארכיוון
**די זיבן בריקן פון קעניגסבערג**
א שפאציר-רעטעניש און א ניי פעלד אין מאטעמאטיק

היינט מיט X יאר צוריק
**די וואך, אמאל**
"סענדי" קומט, און נאך פון 2012–2022

חידות
**חידות פון די ארכיוון**
שפיגלען, זייגערס, קארטלעך, א טעלעפאן-נומער – און די ענטפערס


**פון די ארכיוון:** קאווע שטיבל · היידפארק · אייוועלט · פאליש · דער קרעטשמע · היימישע קרעטשמע · אידישע וועלט · היימישע ווינקל · זאלצוואסער · א וועלט מיט וועלטעלעך · די ערשטע חסידישע בלאגס · מייסטערווערק · כוואליעס · באלעבאס

**הקדמה**

# ברוכים הבאים צו ״ארכיוו״

אין די לעצטע צוואנציג יאר האט דער היימישער עולם געשריבן – נישט אין צייטונגען און נישט אין ביכער, נאר אין פארומס און בלאגס. טויזנטער מענטשן מיט ניקס האבן דארט דערציילט מעשיות, אויסגעטענה'ט קשיות, געלערנט איינער דעם אנדערן, און געמאכט לאכן. אסאך פון יענע פארומס זענען היינט פארמאכט, אבער די ווערטער זענען נישט פארלוירן: זיי זענען צאמגעזאמלט אין די ארכיוון.

״ארכיוו״ קלייבט אויס פון יענעם ים די פערל, און עס קומט ארויס צוויי מאל א וואך. מאנטאג – א וועלטליכער נומער: סייענס, היסטאריע, מעשיות, דיסקוסיעס און הומאר, אביסל קירצער, אז מ'זאל עס קענען דורכליינען אינמיטן דער וואך. דאנערשטאג – א תורה'דיגער נומער, מיט דער סדרה פון דער וואך און מיט די אידישע שטיקער, לכבוד שבת קודש. איר האלט יעצט אין דער האנט דעם ערשטן נומער; דער ערשטער דאנערשטאג-נומער, פרשת לך לך, קומט אי״ה אין דריי טעג ארום.

אין דעם נומער: יידל פון קאווע שטיבל פרעגט אן אלטע פראגע – האבן טאקע אלע געמיינט ביז קאלאמבוס'ס צייטן אז די וועלט איז פלאך? דא ברענגען מיר דעם ערשטן טייל פון זיין היסטאריע, פון די בבליים ביז תלמי'ס ״אלמאגעסט״. יואב, איינער פון די באליבטסטע הומאריסטן פון קאווע שטיבל, נעמט אונז מיט צו א שבע ברכות ביי מומע יענטל, פון די סאוער פיקלס ביז דעם לעצטן ״מזל טוב״. פונעם בלאג ״זאלצוואסער״: א טאג אין דער צוקונפט, ווען אלעס ארבעט מיט קארטלעך און סקרינס – און צום סוף א חשבון וואס איז גאר נישט קיין וויץ. און פון ״אידישע וועלט״: א הספד אויף אן אייפאד.

די דיסקוסיע פרעגט: העלפט א ציגארעטל צו בארואיגן? – א שמועס וואס האט זיך אנגעהויבן אין 2012, און וואס מ'האט ווידער אויפגעוועקט נאך עלף יאר. ביי די קאלומס: ״סייענס פון די ארכיוון״ ברענגט די זיבן בריקן פון קעניגסבערג, א שפאציר-רעטעניש וואס האט געבוירן א ניי פעלד אין מאטעמאטיק; ״היינט מיט X יאר צוריק״ בלעטערט צוריק צו דער זעלבער וואך אין פריערדיגע יארן, ווען דער שטורעם ״סענדי״ איז געקומען; ״די תגובה פון דער וואך״ קומט פון יענעם זעלבן שטורעם; און צום סוף א נייע קאלום: ״חידות פון די ארכיוון״ – פרובירט אליין, די ענטפערס זענען אונטן.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די טעקסטן זענען דער שרייבערס אייגענע ווערטער; מיר האבן נאר מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו עפעס איז געווען צו לאנג, האבן מיר עס פארקירצט (דאס איז באצייכנט **[פארקירצט]**).

האט הנאה פון ליינען!

די רעדאקציע

## אין דעם נומער


ארטיקל **די וועלט איז רונדיג, אדער פלאך?** · יידל **3**

ארטיקל **א שבע ברכות ביי מומע יענטל** · יואב **7**

ארטיקל **א ראבאטישע וועלט!** · זאלצוואסער **10**

ארטיקל **א הספד אויפ'ן I-POD** · יגר סהדותא **13**

דיסקוסיע **העלפט א ציגארעטל צו בארואיגן?** · אלזא **15**

קאלום **די זיבן בריקן פון קעניגסבערג** · מי אני **20**

קאלום **די וואך, אמאל** · פארשידענע **22**

קאלום **״דאס איז דער הויכפונקט פון זיין גאנצער קאריערע!״** · זר זהב **25**

קאלום **חידות פון די ארכיוון** · יידל, chusid, שמעון וואלף, ונבנתה העיר, מי אני **26**

ארטיקל • היסטאריע

# די וועלט איז רונדיג, אדער פלאך?

## ערשטער טייל: "מראש צורים אראנו" – פון די בבליים ביז תלמי

קאווע שטיבל, פארום "היסטאריע" | יידל | 4טן נאוועמבער 2012



**האבן טאקע אלע געמיינט ביז קאלאמבוס'ס צייטן אז די וועלט איז פלאך? יידל האט זיך גענומען נאכפארשן, און געפונען א גאנץ אנדערע מעשה – פון פיטאגאראס און אריסטו ביז תלמי'ס "אלמאגעסט".**

איך הייב דא אן א באשרייבונג איבער אן אינטערעסאנט קאפיטל אין דער היסטאריע, אין וועלכן דער פשוט'סטער יסוד אין סייענס – די פארעם פון דער וועלט – איז געקומען אונטער א פראגע-צייכן. איך האב אין אנהייב געפלאנט צו שרייבן בלויז איבער די חלק, וויאזוי מענטשן האבן געוואלט אויפווייזן אז קרום איז גראד און רונדיג איז פלאך, אבער נאכ'ן דורכליינען און דורכטוהן דעם נושא, האט זיך עס ביי מיר פיל פארברייטערט איבער דער גאנצער היסטאריע און סייענס וואס האט צו טוהן מיט דער וועלט'ס פארעם. איך האב צעטיילט וואס כ'האב געשריבן אין אפאר קאפיטלעך, און איך לייג יעצט ארויף דעם ערשטן טייל; האפנטליך וועלן די קומענדיגע טיילן נאכפאלגן בקרוב, כפי מסת הפנאי.

[פארקירצט]

וויאזוי האט מען אמאל אנגעקוקט די וועלט? ווער און ווען איז געקומען צו דער הכרה אז די וועלט איז א גלאבוס? וואס זענען געווען די הוכחות? ליינט מיט שפאנונג...

יעדער ווייסט אז אמאל פלעגט זיין די אנגענומענע מיינונג אז די וועלט איז פלאך. צו טענה'ן אז די וועלט איז רונדיג האט מען געדארפט זיין אן אויבערחכם, ווייל ווי-נישט-ווי האט מען נישט מער ווי געדארפט ארויסגיין אויף דער גאס און זען מיט די אייגענע אויגן אז די וועלט איז טאקע פלאך. דער מיטאס (myth) גייט, און אזוי 'ווייסט' יעדער איינער, אז ביז קריסטאפער קאלאמבוס איז נישט געפארן קיין אמעריקע, האט יעדער איינער געמיינט אז די וועלט איז פלאך און אז אויב וועט מען ארייןפארן אינעם אקעאן וועט מען אראפפאלן פונעם ערד-פלאך. קאלאמבוס האט אבער געהאלטן אז די וועלט איז רונדיג, און כדי אויפצווייזן אז ער ווייסט וואס ער רעדט האט ער אונטערגענומען א נסיעה ארום דער וועלט און אזוי ארום האט ער אנדעקט אמעריקע. לאמיך ציטירן פון די ווערטער פון הידען המופלג "לכתחילה אריבער" פון אייוועלט ווי ער שרייבט אין אן אשכול מיט'ן קעפל "אנדעקט אמעריקע! 'קריסטעפער קאלומבוס'":

> **לכתחילה אריבער** אנדערש ווי רוב וואס האבן נאך געמיינט אז די וועלט איז פלאך, האט "קריסטעפער קאלומבוס" געהאלטן אז די וועלט איז רונדיג, און וויבאלד די "גרויסקייט פון די וועלט" האט ער אונטערגעשאצט, האט ער געהאלטן אז מען קען אנקומען פון שפאניע וואס איז אויף די לינקע עק פון אייראפע, צו די לענדער פון אינדיע, כינע, יאפאן ועוד, וואס איז אויף די רעכטע עק פון אזיע, דורכ'ן ים; וויבאלד פון די קאנטינענט פון אמעריקע האט מען דאך אין יענע צייט נישט געוואוסט, האט ער געהאלטן אז די וואסער וואס פאנגט זיך אן ביי די גרעניץ פון שפאניע, גייט גראד צו די עק פון אזיע.

עד כאן וואס יעדער איינער 'ווייסט'. דאס איז אבער א מיטאס. קרוב צו צוויי טויזענט יאר בעפאר קאלאמבוס האט שוין כמעט קיינער נישט געהאלטן אז די וועלט איז פלאך. דער אמת'ער אמת איז, אז מען קען נישט וויסן וואס דער המון עם האט געהאלטן, פשוט ווייל דער המון עם האט נישט ארויסגעגעבן קיין ביכער (אויב יא זענען זיי דאך נישט פון די המון עם...). אבער די עליטע, די חכמים, די עדיוקעטעד, האבן מיט אן איבערוויגנדן רוב געהאלטן אז די וועלט איז א גלאבוס. און מיר וויסן אויך ווער איז שולדיג אין דעם מיטאס, און וויאזוי עס איז געווארן פאפולער, אבער דאס איז נישט פאר יעצט. אפשר אלס עפילאג וועל איך עס באשרייבן אין קורצן.

(הערה בעלמא: איך מיין חלילה נישט אונטערצורייסן החכם המושלם והמופלג לכתחילה אריבער. אייגענטליך, אינעם ערשטן דרעפט פון דעם פאוסט האב איך אליינס געשריבן ווי פאלגנד: "יעדער ווייסט אז אמאל פלעגט זיין די אנגענומענע מיינונג אז די וועלט איז פלאך. דער ערשטער אויפצווייזן אז די וועלט איז רונדיג איז געווען קריסטאפער קאלאמבוס." אבער נאכ'ן אנהייבן נאכזוכן די זאך בין איך סורפרייזט געווארן אז כ'האב געלעבט אין א טעות. מיין צוצייכענען צו לכתחילה אריבער'ס ווערטער איז נאר אנצוואווייזן ווי שטארק דער מיטאס איז פארשפרייט אז אפילו אזעלכע ידענים מופלגים ווי ער זענען זיך טועה.)

איז אויב נישט קאלאמבוס, ווער יא? לאמיר אלזא זען ווען איז די וועלט געקומען צום שכל איבער איר אייגענער פארעם. די אור-אלטע בבליים און מצריים האבן אלע פארשטאנען פאר א פשטות אז די וועלט איז פלאך ווי א פאפן דעקל און די הימלען זענען איבערגעצויגן איבער דער ערד ווי א שלאק. (וואס האבן די אידן געהאלטן? אויף דעם קוק שפעטער). ווי מ'זעט פון אלע זייערע געשרייבאכצער האבן זיי אנגעקוקט די וועלט ווי א דריי-סלייס קוכן. פון אויבן די הימל וואס איז ווי א שלאק אדער ווי א דאום, פון אינמיטן די וועלט, פלאך און רונדיג (ווי א האנט-מצה), און פון אונטן דער טיפער אפגרונט, וואו אלע נישט-גוטע (שדים, רוחות, מתים, אפגעטער און ווער ווייסט וואס נאך) געפונען זיך.

דער ערשטער חכם אויפצוקומען מיט דער טעאריע אז די וועלט איז גאר רונדיג איז געווען דער באקאנטער גריכישער מאטעמאטיקער און פילאזאף פיטאגאראס (געלעבט בערך ג' ק"צ – ג' רס"ה אין דער תקופה פון סוף בית המקדש הראשון). פיטאגאראס איז ברייט באקאנט פאר זיין "פיטאגארישן פרינציפ", וועלכער ווערט דערמאנט אין חז"ל (אן פיטאגאראס' נאמען) און דער ר"ש אין כלאים (פ"ה מ"ה) ברענגט עס אראפ בשם "חכמי המדות". לויט א לעגענדע איז ער גאר דער וואס איז אויפגעקומען מיט'ן ווארט "פילאזאפיע", וואס איז א צוזאמשטעל פון צוויי גריכישע ווערטער, פילא – ליבשאפט און זאפיע - חכמה.

עס איז אינטערעסאנט צוצולייגן כבדרך אגב רעדנדיג פון פיטאגאראס, אז דער איטאליענישער פילאזאף, טיאלאג, אסטראלאג און פאעט טאמאסא קאמפאנעלא האט געשריבן בשם אמבראזיאס (אמבראזיאס איז געווען דער ארכי-בישאף פון מילאן, איטאליע) אז פיטאגאראס האט געשטאמט פון אידן און אז זיינע חכמות זענען אלע געקומען פון אידישע מקורות. פארשטייט זיך אז עס איז אוממעגליך דאס צו באשטעטיגן אדער אפפרעגן, עס איז אבער דאך אן אינטערעסאנטער קוריאז.

צוריק צו דער וועלט'ס פארעם. מיינטס נישט אז פיטאגאראס האט געוויסט אז די וועלט איז רונדיג ווייל ער איז עפעס געווען קליגער ווי אלע חכמים אין זיין צייט. בכלל נישט. פיטאגאראס' סברא אז די וועלט איז רונדיג איז געווען באזירט אויף אן אינטערעסאנטע פילאזאפיע וועלכע האט געלויטעט אז די וועלט דארף לכאורה האבן די איידעלסטע, שלימות'דיגע פארעם וואס איז שייך. א גלאבוס איז לויט פיטאגאראס געווען דער מערסט-געאייגנטער קאנדידאט פאר דעם פארעם, וויבאלד עס פארמאגט נישט קיין עק.

פיטאגאראס' סברא איז אבער בכלל נישט געווארן פאפולער. זיינע אייגענע תלמידים האבן ווייטער גע'טענה'ט אז זייער רבי איז נישט גערעכט און די וועלט איז א פלאכער דיסק (דאס הייסט רונדיג אבער פלאך, ווי א האנט-מצה). למעשה אבער האט פיטאגאראס' שיטה אזויפיל אויפגעטוהן אז די חכמים פון יענער צייט האבן אנגעהויבן שפעקולירן אז מעגליך איז די וועלט נישט פלאך נאר רונדיג, כאטש רוב האבן עס טאקע אפגעווארפן.

דער בארימטער גריכישער חכם השלם (וועמען דער רמב"ם לויבט אויס ביז'ן הימל) אריסטו (געלעבט אין די צייטן פון חורבן בית ראשון) איז געווען דער ערשטער צו ברענגן קלארע הוכחות אז די וועלט איז רונדיג. דער געדאנק אליין אז די וועלט איז רונדיג האט אריסטו גע'ירש'נט פון זיין רבי'ן אפלאטון, און מעגליך אויך די הוכחות. אבער למעשה איז ער געווען דער ערשטער אראפצושרייבן מיט א קלארקייט הוכחות ברורות, און נישט סתם סברות, אז די וועלט איז יא א רונדיגע טאבע.

אריסטו'ס הוכחות זענען געווען גאר פשוט. די ערשטע הוכחה וואס אריסטו האט געברענגט איז פון א ליקוי לבנה. ווען עס איז דא א ליקוי לבנה, קען מען זען די וועלט'ס שאטן אויף דער לבנה, און עס איז קלאר רונדיג. דאס וואס

דער שאטן וואס מען זעט אויף דער לבנה איז טאקע פון דער וועלט, איז געווען באזירט אויף וואס ער האט געהאט מקובל פון טעלס פון מילעטוס (געווען גראדע א רבי פון פיטאגאראס) וועלכער האט גע'טענה'ט (אזוי ווי עס איז טאקע דער פאקט) אז א ליקוי לבנה געשעהט ווען די וועלט שטעלט זיך צווישן דער זון און דער לבנה, און דער וועלט'ס שאטן שלאגט זיך אפ אויף דער לבנה.

**"קרוב צו צוויי טויזענט יאר בעפאר קאלאמבוס האט שוין כמעט קיינער נישט געהאלטן אז די וועלט איז פלאך."**

די צווייטע הוכחה פון אריסטו איז געווען פון די שיפן וואס פארן אינעם אקעאן. ווען א שיף פארלאזט דעם בארטן, פארט עס א לאנגע שטרעקע ביז עס ווערט פארשוואונדן אויפ'ן האריזאנט. אריסטו האט אבער באמערקט אז די שיפן ווערן נישט פארשוואונדן אויפ'ן האריזאנט פון איין סעקונדע אויף דער אנדערער נאר צוביסלעך. קודם ווערט די אונטערשטע ווענט פון דער שיף פארשוואונדן. דערנאך ווערט דער דעק פארשוואונדן. און צום לעצט ווערן די זעגלען פארשוואונדן. דאס האט געפירט אריסטו צו דער מסקנא אז די וועלט איז רונדיג, ווייל אויב איז עס פלאך וואלט די גאנצע שיף געדארפט פארשוואונדן ווערן אויף איינמאל.

די דריטע הוכחה זיינער איז געווען פון די שטערנס און זייער לאקאציע. אריסטו האט גע'טענה'ט אז ווען די וועלט איז ווען פלאך וואלטן מיר איבעראל געדארפט זען די זעלבע שטערנס. פארוואס? ווייל פונקט ווי ווען מיר זענען אין א גרויסן זאל, קענען מיר זען דעם גאנצן דאך פון אלע עקן פונעם זאל, אזוי וואלטן מיר ווען געדארפט זען דעם זעלבן הימל פון אלע פלעצער. דערווייל, ווי נאר מיר גייען אפאר מייל זעהן מיר א נייעם הימל מיט הונדערטע נייע שטערנס וואס מען זעט נישט אפאר מייל ארויפצו. דאס, האט ער גע'טענה'ט, איז נאר מעגליך אויב די וועלט איז רונדיג, און ווען מ'גייט אפאר מייל זעט מען שוין א נייע חלק פון די הימל וואס מ'האט נישט געקענט זען פריער ווייל פריער איז מען געווען אוועקגעבויגן דערפון.

אלע גריכישע פילאזאפן האבן אנגענומען אריסטו'ס הוכחות, און פון אפלאטון ביז ארכימעדעס האבן אלע פה אחד געשריבן אז די וועלט איז א גלאבוס. עס איז שווער צו וויסן וואס דער המון עם האט געהאלטן, פשוט ווייל דער המון עם האט נישט איבערגעלאזט קיין שריפטן פון וואו מ'קען זען וואס זיי האבן געהאלטן. עס איז גאנץ מעגליך אז די פשוטי העם האבן ווייטער געהאלטן אז די וועלט איז פלאך. אבער דאס ווייסן מיר זיכער אז פון אריסטו'ס צייטן און ווייטער, איז ביי די חכמי אוה"ע שוין בכלל נישט געווען קיין שמועס איבער וואס די פארעם פון די וועלט איז. די שמועס איז געווען איבער דעם סייז פון דער וועלט, די ווייטקייט פון דער זון וכדומה. די אלע גריכישע חכמים וואס האבן פרובירט צו מעסטן דעם סייז פון דער וועלט מיט פארשידענע חשבונות, למשל דורך מעסטן ווי שנעל די זון פארט פון איין פלאץ צום צווייטן און אזוי ווייטער, האבן אלע אריינגענומען דער וועלט'ס פארעם – א גלאבוס – אין זייערע חשבונות.

נאך יארן וואס מען האט שטודירט, געמאסטן, אפגעפרעגט און פארראכטן, איז געקומען דער גריכישער גיאגראף, מאטעמאטיקער און אסטראנאם קלאודיאוס תלמי (געלעבט אין דער תקופה פון גלייך נאכ'ן חורבן בית שני) און צוזאמגענומען און אויסגעארבעט אלע שיטות און חשבונות צו איין מעבטיגן, אויסגעארבעטן מהלך און האט דאס פובליצירט אין זיין גאר בארימטן בוך, באוואוסט מיט'ן אראבישן נאמען "אלמאגעסט" (דער מעבטיגסטע). תלמי'ס שיטה איז באקאנט היינט צו טאגס אלס געאצענטריזם, וואס באדייט אז דאס לייגט די וועלט (געא אין גריכיש) אינמיטן (צענטער אין גריכיש) פונעם גאנצן יקום, און די זון מיט אלע פלאנעטן און שטערנס דרייען זיך ארום איר. די סיבה פארוואס עס ווערט גערופן מיט דעם נאמען איז ווייל יארן שפעטער איז געקומען קופערניקוס און ער איז אויפגעקומען מיט א נייעם מהלך אז די זון איז אינדערמיט און אלעס דרייט זיך ארום איר. אבער פארשטייט זיך אליינס אז תלמי'ס עיקר חידוש איז נישט געווען נאר דער חלק אז אלעס דרייט זיך ארום די וועלט. זיינע חידושים זענען אויך באשטאנען פון די סייזעס פון אלע פלאנעטן, זייערע ארביטס (די וועג וויאזוי זיי דרייען זיך ארום די וועלט און ווי לאנג עס נעמט) און אזוי ווייטער און ווייטער מיט אלע דעטאלן.

## די ליינער האבן רעאגירט

> חאצקל: א הערליכער ארטיקל, עס איז שפאנענד, אינפארמאטיוו און אינטעליגענט. יש"כ. איך וויל דא קאמענטירן לגבי די ערשטע צוויי באווייזן פון אריסטו אז די וועלט איז רונדיג. די ערשטע סברה אז דער שאטן פון דער וועלט זעט זיך אויף דער לבנה געבויגן איז פאר מיין המון עם'דיגע אויגן נישט קיין באווייז כפשוטו, ווייל וויאזוי וואלט דען דער שאטן פון א פלאכע וועלט (רונדיג צי אפילו פירקאנטיג) געדארפט אויסזען אויף דער לבנה, וואס איז א גלאבוס? ווידער דער צווייטער באווייז פון די שיפן אויפ'ן ווייטן האריזאנט מוז אויך נישט זיין קיין ראיה, וויבאלד ס'איז פארצייטנס געווען אנגענומען -טאקע צוליב דער סיבה- אז דאס וואסער איז נידריגער ווי די יבשה (אזוי ווי די גמרא ברענגט א ראיה פון דעם פסוק "יורדי הים באניות"; אויך ר' יונתן אייבשיץ וועלכער האט שוין געוויסט פון דער רונדיגקייט פון דער וועלט שרייבט אז דאס וואסער איז נידריגער פון דער יבשה).

> געפילטע פיש: שיין א לייט אויף א מצה אדער פריזבי פון דער זייט, וועט דער שאטן אויפ'ן וואנט זיין א גראדע ליניע.

> יידל: אפילו אויב דאס וואסער איז נידריגער ווי די יבשה, וואלט נאך אלץ די גאנצע שיף געדארפט פארשוואונדן ווערן אויף איינמאל און נישט צוביסלעך, נישט אזוי?

> חאצקל: האבן די אור-אלטע גריכן געהאלטן אז מ'קען ארומרינגלען די וועלט, אדער האבן זיי געהאלטן אז מיר וואוינען נאר אויף דער אויבערשטער זייט פון דער וועלט? אויב האבן זיי געהאלטן אז מ'וואוינט ארום און ארום, דאן איז שווער צוויי זאכן: 1) וויאזוי האבן זיי דערקלערט דאס וואס מ'פאלט נישט אראפ פון דער וועלט? 2) פארוואס האבן די גריכן און די רוימער נישט פרובירט ארומצורינגלען די וועלט טאמער האבן זיי געוואוסט אז זי איז רונדיג? און בכלל וויאזוי האבן זיי דערקלערט דאס וואס די וועלט קוקט אויס גראד למראית העין? אויב איז עס געווען אנגענומען אלס אזא דבר פשוט ביי די חכמי יון, דאן פארוואס ווערט דער מאדעל נישט דערמאנט אין אונזערע מקורות (אויסער אין ספר הזהר), איבער הויפט ביי די וואס ברענגען נאך די ספרי היונים והערבים ווי דער רמב"ם וכדומה? ביטע, הרב יידל, מאכט קלאר די זאכן און ברענגט אויך א מאדעל פון א רונדיגער וועלט פון די יונים. יישר כח.

> תחכמוני: די גריכן האבן געהאלטן אז די וועלט איז רונדיג פון אלע זייטן. די טעאריעס אויף וואס די וועלט שטייט זענען געקומען פון מיטאלאגיעס נישט פון די פילאזאפן. אריסטו האט נישט געהאלטן אז די וועלט שטייט אויף עפעס נאר אז אלעס פאלט צום צענטער פונעם אוניווערס. מיט דעם ווערט פארענטפערט דיין קושיא פארוואס מען פאלט נישט אראפ פון דער וועלט, ווייל אלעס פאלט צום צענטער נישט קיין חילוק פון וועלכע זייט דו פאלסט. די סיבה פארוואס די וועלט זעהט אויס גראד למראית העין איז פשוט ווייל די וועלט איז זייער גרויס און עס דערקענט זיך נישט אז עס בייגט זיך. דו פרעגסט פארוואס דער רמב"ם דערמאנט דאס נישט. אוודאי דערמאנט ער דאס. אלע ספרד'ישע ראשונים האבן געהאלטן פון אריסטו'ס טעאריעס. איך וועל דיר ברענגען איין ציטאט: "כי כל דבר הידוע על סמך הוכחה מופתית - אין לגביו מחלוקת, התמודדות או סרבנות, אלא מצד בור אשר מגלה אותה עיקשות הקרויה "התעקשות לנוכח המוכח", כגון שאתה מוצא אנשים אשר סירבו בעקשנות לקבל שהארץ כדורית ושהגלגל סובב וכיוצא בזה. (מורה נבוכים, חלק א' פרק לא)" עס איז מיר אינטערעסאנט אז יידל שרייבט נישט אז עראטאסטענעס (276–195 לפנה"ס) האט שוין געמאסטן דעם היקף פון דער וועלט און ער האט צוגעטראפן זייער פונקטליך.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2282.html

ארטיקל · הומאר

# א שבע ברכות ביי מומע יענטל

## א פארצייכענונג פון א משפחה-שמחה, פון די סאוער פיקלס ביז "וגן עדן מקדם"

קאווע שטיבל, פארום "א שמייכל" | יואב | 12טן דעצעמבער 2013



**יעדער איינער האט א מומע יענטל, און יעדער איינער איז שוין אמאל געזעסן ביי אזא שבע ברכות. יואב, איינער פון די באליבטסטע הומאריסטן אויף קאווע שטיבל, האט עס אראפגעשריבן ווי ער האט עס געזען.**

שוין, זעמיר געלאדנט צום שבע ברכות, וואס מומע יענטל מאכט פאר מיין נייעם שוואגער. אנבאדינגט אנגעזאגט אז די קינדער זאלן נישט קומען, און שוין געקאלט משוגע מאכן אכט און א דריי א פערטל מאל. נישט אז ס'האט זיך עכט אויסגעפעלט אז פון די שבעה ימי ברכתא זאל מען ברויכן אריינקוועטשן איין נאכט ביי איר. די משפחה איז היבש גרויס, און מ'וואלט זיך פיל בעסער אן עצה געגעבן אן אירע טובות. נאר וואזשע דען? אז זי דרייט איבער תבל ומלואה אז "זי מוז" מאכן איין שבע ברכות כמנהגה מאז ומקדם, ווער זאל איינגיין אויף זיך צרייבן מיט איר יעצט, און אריינגעקריצט ווערן צווישן אירע ציין און שפייאכץ לנצח נצחים.

שיין פון איר זייט, אז דאסמאל האט זי באשלאסן דאס נישט צו מאכן אין איר ענגן הויז. א שמחה ביי איר אין שטוב באדייט אז אנצוקומען צום אויבן אן דארף מען אונטערהייבן יעדעס בענקל (לכתחילה מיט א שטויס), און צו שלעפן א ציין-שטעכער דערונטער א כזית קענטעלאופ ברויך א פארשוויצטען ארעם דיכענען העכער די קעפ, און אין מערערע פעלער צו קומען צום "אוי אנטשולדיגט!" (און איך זאל דארפן ווישן מיין רעקל יעצט, אבער חלילה זיך רעגן.)

דאסמאל האט זי ארויסגעדינגען אן אלטן אולם הסרחי; דים-לייטינג פשוט צוליב א מאנגל אין ווירקזאמע באלבס, נישט מחמת סיבות כגון חדש אסור מן התורה, חוקת הגוי, וכדו'. אבער די גאר פרייעדיגע נייעס אז זי "קאכט אליינס" האט ב"ה נישט געשפעטיגט צו קומען.

דער עולם קומט צו גיין עדרים עדרים; טייל אויסגעהונגערט, אנדערע אין דער גוסטע פון שמחות. איך בין דא ווי מ'זאגט ריין א טובה צו טוהן, ווארים דאס דארפן אויסהערן דעם איגנאראנטן פעטער דרש'נען אויפ'ן דאפעלטן לשון פון "שמח תשמח" מיט (פיש) זאפט כאילו ער זאגט דאס צום ערשטן מאל, גייט מיר אויף די נערוועץ פונקט ווי די ווינטשרייען פון דער שוויגער מיט איר טישו, וועלכער ליגט כמעט פערמאנענט אריינגעקלעבט צווישן אירע פינגער.

בין איך אבער דא; פעמעלי איז פארט פעמעלי. מ'האט דאך נישט 26 קינדער. פאר פערצן פון דער זייט, און צוועלף פון דער אנדערער זייט וועל איך נאך דורכשוויצן.

הייבן הייבט זיך דאס אן שארף טראדיציאנאל. א בילקעלע וועלכע זיצט און קלאצט ביי יעדענס פלאץ, מיט זויער איגערקע און קאלסלאו אין אזוינע פלאסטישע שיף טעלערלעך וועלכע קומען שוין ווי א פעקעדזש-דיל. די טישטוכער זענען אויך פון דעם באוואוסטן סארט, וואס לאזן די ברעקלעך משום איזה סיבה נישט פריי, און מעסערס זענען דא די טיפישע וועגעדיגע שטאנגען וועלעכע קענען אין בעסטן פאל שניידן וואסער.

## ״פעמעלי איז פארט פעמעלי.״

פון דא און ווייטער קען מען זיך לייגן שלאפן פאר אומגעפער א שעה. אויב האסטו א סעלפאון מיט צוטריט צום געוועב, איז דאס א חצי נחמה. און אויב זכה לו, דאן קומען בלויז געציילטע קריכערס משוגע מאכן מיט קשיות און פרוואון צו ציען א שמועס. נאך אלעם, טרעפט מען דא אלע וואס אלמלא מיר טיילן גענעס וואלטן מיר זיך געקענט ווי דעם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף -- לויטביידע פשטים.

די מחותנים, פעטערס און אנדערע מיט א לייסענס פון ארבעים לבינה ולמעלה הערן נישט אויף מיט די קראכעדיגע וויצן. א באזונדערע קונץ צו קענען אנגיין מיט גרעניצלאז-קאמישע ווערק, און פארט אויסמיידן פון אריינוואנדערן אין דער הוללות זאנע. ״גערופן האט מען אויף זייגער זיבן, אזוי אז דער עולם וועט באטש זיין אויף אבט,״ האט מען שוין אויך אנאנסירט מער ווי 5 מאל, טו בי עקזעקט.

פונעם שעשני ברצונו ווינקל הערט מען בלויז גריטשקערייען און קוויטשערייען. נישט קיין חילוק וואו, ווען און וויאזוי א שמחה גייט צו, די קלאנגען אריבערן מחיצה וועלן אייביג זיין שארף אידענטיש. מער ווי איינמאל האב איך שוין געפרואווט צוצולייגן אן אויער וואס די חברה שמועסן; חכמה אבער וועט מען נישט קונה זיין דארט אין קיין שום פאל. פארט קען אמאל זיין אינטערעסאנט צו הערן די לשון הרע׳לער און מוציא שם רע׳ס אויף א האלבער שטאט; פארשלאגן איבער פראקטישע טאקטיקן, און עצות איבער וויאזוי צו ״מענעדזשען״ א שטוב. מ׳שטיינס געזאגט: וויאזוי מרת שווארץ קאכט וועטשטעבל זופ קען אמאל זיין די בעסערע אפציע ווי צו הערן דעם יעניגען וועלכער האט זיך לגמרי נישט אנגעגרייט, און רעדט בכפיה ממש. יעדע צווייטע פרוי האלט זיך פאר א גאנצע מחנכת, שטעלט פאר מיט שטאלץ אירע השערות והשגות, און וויל בשום אופן איינגיין אויף קאמפראמיסן פון ארומיגע וועלעכע טיילן מיט דער זעלבער אראגאנטער איגנאראנץ איבער אלעמען און אלצדינג. למעשה, אז ס׳וועט מיך שוין געלונגען צו סקאורען א גוטן לשון הרע, וועט נישט נעמען לאנג ביז דאס ״מאאאאאאזזזזעעעעל טאאאב״ פיזמון געמישט מיט ״אווווווי מיייייי גאאאאאש״, צו ״אאאנננבבעעעליוועבל״ וועט איבערהאקן די טיפזיניגע געשפרעכן וועלכע שפריצן חכמה, און באלד אנהייבן א פרישן שמועס, ווי כאילו דעם פאריגן זאל ווען בכלל נישט זיין וויכטיג איבערצוקייען.

מיין אויסגעשפיצטער אויער אבער, וועלכער האט געמיינט דאס גליק וועט אים באטרעפן אז ער וועט אנטלויפן פון די דרשות, לאזן זיי הענגען אין דער לופטן מיט אן אומגעצייטיגטן לשון הרע כשוטה המרחפת על הגעהירן. אבער שוין, כאילו אויב זאל מען רעדן איבער איין ענין קען מיין שוואכער אויער איבערקומען די קולות ס׳גייט דארט ווי פון גיהנם ארויס.

באלד וועט מען הערן די יענטע איבערמועסן פונקטליך ״פארוואס״ זי האט געוועלט פונקט דעם דאזיגן מעניו. פיליכט קומט דאס אויך מיט א מגילה פון סיבות געמישט מיט לאגיק און ערפארונג וועלעכע זענען אומשטרייטבאר, און בכלל נישט אפן פאר קיין דעבאטע. יעצט אבער איז נאכנישט דא קיין זכר פון קיין מעניו. דאס קליינע סדום בילקעלע האב איך שוין -- שיין גערעדט -- אראפגעווישט כאשר יבער הגלל עד תומו. און אויב ציפן שוין די לעפצן פון א זינלאזער סאוער פיקל פארציקונג, דאן קען איך טרינקען ווארימען דזשינדשערעיל. און אז ס׳איבלט שוין דער דשינזשערעיל, בלייבט איבער צו פארלענדן נאך א סאוער פיקל, און נאכאמאל דזשינדשערעיל, און נאכאמאל א סאוער פיקל. נאר ווען א גלעזל פאלט אראפ בטעות, זיי נישט קיין פורש מן הציבור, און שריי אויך ״מזל טוב״ מיט אויבער חכמה.

ענדליך באווייזט זיך שוין דער ווערטאר מיט א טאץ. וועיטער זאג איך? געדינגען האט מען עפעס א שיכור פון גאס און אים צוגעווארפן א ווייס העמדל -- קענטיג נישט זיין סייז -- ויקרא שמו ״וועיטער״. אבער וואס גייט מיך אן: מאכט דאס דען א חילוק? יא, מ׳קען טאקע זען פון די עגמת נפש׳דיגע טעותים פון אנגיסן און איבערגיסן אז קיין גועלערנטער סארווער איז ער נישט. אבער אלץ בעסער ווי דעם באבערדלטן בריין-זיסן שוואגער. ווען ער טיילט שפירט מען זיינע היימישע פינגער דערין, אויך נאר נאכ׳ן הערן זיינע אומגעלונגענע קארני ווערטלעך. כאטש דעם ערל קען איך נישט זיין שפראך, און פטור אן עסק.

פיש גיט זי נישט ווייל זי איז דער שטאט׳ס קמצן, און קען זיך מיט זרש׳ן פארמעסטן עני טיים. אבער מאחורי הפרגוד הער איך איר שוין פלאפלען מיט אירע אנגעבליבע אויסריידן:

״פיפל דאונט לייק פיש עני מאר״. ״נאובאדי איטס פיש״. ״איטס ע וועיסט״. שוין, אז זי ווייסט, ווער בין איך אריינצורעדן. זאל איך זאגן אז איך גלייך יא פיש, און הלמאי מיר האט מען אויסגעשלאסן פונעם סורוועי?

הגם זי האט באשלאסן נישט צו געבן פיש, וועט זי אבער נישט לאזן דעם סלאט ליידיג. ס׳טייטש מ׳וועט נישט פארן פון די סאוער פיקלס גלייך אריין צו דער זופ מיט א

ברעבעדיגן קניידל. אין ערואץ צום פיש, טיילט מען אומאפעטיטליכע קנישעס, באשפריצט דערויף עפעס א נזיד פון שוועמעליך ווי אויף יוצא צו זיין. אבער אויך דאס קומט אין באגלייטונג פון א דעקלאראציע:

״איי דאונט ביי קינשעס עני מאר״. ״כ׳האב זיך אויסגעלערנט: מ׳מאכט דאס אליינס״.

זאגסט מיר? דאס שפיר איך דאך באלד. א טייגל באשאפן מבחינת ראם-באללס; די פריזער הפנים האט זיך מער וויניגער אויסגעליידיגט פון אלע אירע פרי-פסח פראדוקטן אויף וואס ס׳וואקסן שוין ווייסע האר מיט גרינעם שימעל. אינעווייניג האט זי אריינגעשטויסן שאר ירקות וועלכע זענען איבערגעבליבן פונעם לעטשוי וואס שפרינצע חוה האט געמאכט, און צוגעשטעלט אויפ׳ן פלאם א קליין טעפל מאשרום סאס צו פאלישן דאס גאנצע חזירייִ, דערביי צו פאפן דער וועלט. און אויב דארף איך אייך איבערצייגן אז דאס איז ווּאר, האב איך שוין אין מיין טעלער מער ווי איינעם פון אירע האר. ״גוסטאש״ פארפעלט זי אבער נישט דאס צו באצייכענען מיט פאטאס. יעצט הפנים קען מען זיך ארויסלאזן אויף א יאגד איבער א גאפל, אדער טאן וואס די אויבן אן אידן טוען: מ׳כאפט אלע צען פינגערס און יאכלו חזירים וישבעו.

שוין, מ׳איז שוין אפגעזיצן דריי שעה. יעצט קען מען בעטן די כלה זאל אריינקומען שוין צום זיבעטן מאל. טאקע עקסייטינג צו זען ווי די צוויי מחותנתטעס זיצן [פארקירצט], בעת זייערע אויגן וואנדערן ווי פרייע פויגל אינעם זאל. א געלעגנהייט צו באטראכטן דעם נחת פון דער נאנט, נישט דורך קליינע שפאלטנס פון דער מחיצה. אזוי קען מען נאכאמאל ווינטשן, וויינען פאר פרייד, און זיך רעגן פאר שמחה.

יעצט ברויך מען זיך אויפשטעלן, אפפיצן די ברעקלעך, מאכן דעם אינסטינקטיוון גענעץ וועלכעס איז משפיע א שניירל ווארימע פארע פאר אלע ארומיגע, און אראפשלעפן דעם טלית קטן ביז אונטער׳ן הויזן זיפער. און אויב עס פעלט אויס משום סיבות שאי אפשר לפורטם, דאן שאקלען די הויזן ווי די מצוות ביי תשליך. אבי מ׳גייט שוין. קודם אבער ברויך מען ארומקרייזן דעם טיש פאר דריי מינוט אויף צוויי מייל פער שטונדע, און זינגען דעם אויסגעדראשענעם שמח תשמח ניגון, ביז מ׳שפירט אז מ׳האלט שוין ביי דעם ״וגן עדן מיייייי (פאוואליע) קעעעעעעעעע (לאנגזאמער) דעעעעעעעעעעע (לעש אויס דעם מאטאר) עעם! פשששששיאה! פיין געוועזן, מזל טוב, אויף שמחות, ביים קינד און ביי אלע אנדערע קינדער, מזל טוב נאכאמאל, און שכח מומע יענטע, סארא שיינע שמחה, וואז אנבעליבעל, שכח נאכאמאל.

**די ליינער האבן רעאגירט**

> געפילטע פיש: ווען איר קומט אריין צו א שמחה, און איר זעט א שטילן, איידעלן יונגערמאן זיצן אין ווינקל, וואס לאזט נישט ארויס קיין מוק, באאבאכט די גאנצע ארום – כל העולם כולו, די גאנצע בריאה איז זיין case study, יעדער מענטש איז זיין שרייב-געצייג, און יעדע זאך וואס איינער רופט זיך אן איז סחורה פאר׳ן נעקסטן מייסטערשטיק – זאלט איר וויסן אז דאס איז דער וואן אונד אנלי, יואב! קאווע שטיבל׳ס צערטל-קינד, קעצעלע, פייגעלע מיינס.

> יואב: אוי! פארגעסן פון די צען מאל וואס איך ברויך זיין א צענטער. (אסאך מאל צען מאל פאר דעם זעלבן מנין, וועלכער האט זיך שוין כמעט יא/נישט/אפשר/שפעטער/פרייער אויסגעארבעט.) שוין, מ׳וועט ברויכן שרייבן איבער דעם אן אנדער מאל.

> berlbalaguleh: יואב: שקויעך פאר דיין הערליכע שילדערונג פון דער ״שבע-ברכות״ ביי דער מומע יענטל. דו האסט סך הכל געהאלטן א גרויסן שפיגל, און דער עוילעם האט אריינגעקוקט. גם אני בחלומי – נאר די נעמען זענען אנדערש. ווי דער אלטער שמש ביי אונז אין ביהמ״ד פלעגט אייביג אנווינטשן: ״תזכה לשמיצוועש״. דו האסט אמת׳דיג מקיים געווען דעם סאמייאך טעסאמאך. 😂

> ונבנתה העיר: סדנא דארעא חד היא. אוי האב איך געלאכט, יואב, און איך לאך נישט.

> מאראנצנזאפט: יואב, פרעג נישט וואס דו האסט היינט אנגעדרייט. כ׳בין געווען אין כולל אין די גרויסע הענדיקעפט סקיס, וואו ס׳כאפט ווייפיי, און ס׳איז געגאנגען אן אשפ״ג, אז מ׳האט געמיינט כ׳האב מיך צעקיצלט די נערוון. מ׳האט שוין כמעט אריבערגערופן מיין ווייב מיך אויפצופיקן. יו גאטע בי קעירפול.

> chusid: יואב, כ׳האב מורא דו ביסט מיין שוואגער... איך בין אויך דארט געווען ביי דער קארני שבע ברכות. איך בין אהיימגעגאנגען א צעקלאפטער: וואסערא אומגעשמאקער יונגערמאן איך בין... איך האב נישט קיין סחורה פאר קאנווערסעישן, מיינונגען וכו׳...

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5408.html

ארטיקל • פעליעטאן

# א ראבאטישע וועלט!

## א טאג אין יענקל'ס לעבן, אין א צייט ווען אלעס ארבעט אליין

זאלצוואסער (zaltzvaser.wordpress.com) · זאלצוואסער · 18טן אויגוסט 2013



**וואס וועט זיין ווען אלעס וועט ארבעטן מיט קארטלעך, בארקאודס און סקרינס – די מקוה, דער מנין, די עליות און דער פרישטיק? דער בלאגער זאלצוואסער האט זיך אין 2013 פארגעשטעלט א טאג אין דער צוקונפט, און צום סוף געמאכט א חשבון.**

עס איז יארע תפצ"ט און די וועלט איז אנגעקומען צו א מצב פון אלוועלטליכע ראבאטיזם.

יענקל ליגט אין בעט און דער אי-וועקער זייגער האקט אויף אים מיט רציחה ביז יענקל זאגט א פעססווארד און דאן לאזט עס נאך!

ארויסגייענדיג פון הויז צום קאר ווארט אויפ'ן דזשי פי עס דער זמן קרי"ש פאר'ן היינטיגן טאג, און א קליינעם סקרין קרי"ש ליינער.

יענקל קומט אן נעבן שוהל און פונדערווייטנס דערקענט מען שוין די געלע דזשעקעטס פון דער "יקום פארקינג" ארגעניזעשאן וואס העלפט ארויס טרעפן פארקינג.

ער כאפט דעם טלית בייטל און לויפט אין שול אריין, פארט אראפ מיט'ן עסקאלעיטאר וואס פירט צו דער מקוה-טיר, דארט לייגט ער אראפ זיין בייטעלע אינעם "טלית ותפילין סעלף סטארעדזש" און באקומט א קארטל זיך נישט צו פארמישן מיט א צווייטן אדער דארפן זוכן.

אין מקוה נעמט ער א סייז 16 האנטוך (ער איז געווארן עפפראווד פאר דעם גרעסערן סייז גראד נאכ'ן דורכשפאצירן דעם מקוה סקעיל...)

גייט צו דער באנק, שמירט דורך זיין מקוה-קארטל, און דער זיץ מיט די הענגערס מאכט זיך גרייט מקבל פנים צו זיין דעם חשוב'ן גאסט.

שפאצירט צו די שויערס מיט'ן האנטוך. גיט עס איבער דעם גבאי פון דער "שומרי האנטילאות" ארגאניזאציע, וועלכע האלט קאנטראל אויף די האנטוכער אז מ'זאל נישט קומען צו נעמען א צווייטנס ח"ו. און ווער רעדט נאך פון דער אומווירדיגקייט פון נעמען 2.

> **"ביטע ווארט אויפ'ן בעל תפלה, ער איז נאך צוויי סטאפס צוריקגעשטאנען!"**

לויפט אריין אין בור, טובל'ט זיך זיינע ש"י טבילות, שפאצירט ארויס, באקומט דעם האנטוכל צוריק, און מיט א סווייפ איבער'ן בארקאוד אויפ'ן האנטוך

באקומט ער געוויע דירעקציע'ס: דיינע בגדים זענען ביי באנק 16 זייך 11 פארגעס נישט דיין קאפל.

און אזוי קומט יענקל ארויס און לויפט צום ערשטן שטובל זיך מיטכאפן מיט'ן מנין, פירט דורך זיין מעמבער קארטל ביי דער טיר; נאר אזוי עפנט זי זיך! אבער עס רופט אויס: דיזער מנין איז שוין פול; אויב זענט איר גרייט צו שטיין, דאן דרוקט ענטער און נעמט א תחנון שטענדער פון דער לינקער זייט.

יענקל פליקט ארויס דעם טלית פון בייטל; ער האט נישט קיין געדולד צו ריסטארטן זיין בייטל אוןווארטן ביז ס'ווארימט זיך אן, היינט וועט ער לייגן א קאלטן טלית. דעם תפילין בייטל שטעקט ער יא איין אינעם יו עס בי פארט, זאל עס זיך אביסל אנווארימען.

ברכו נפשי.... ער גיט א שנעלן סלייד אויפ'ן סידור, עס קומען ארויף צוויי אפשאנס. ספרד, אדער אשכנז? ער סעלעקט שנעל ספרד. ער האט נישט קיין צייט היינט, א שאדע אז ער האט נאך נישט געבוקמארקט זיין נייעם סידור.

און.... נאך דאס פעלט אים אויס. זיין סידור האט א ווירוס און ס'לאזט נישט נאך, עס האלט אינאיין איבערזאגן: ביטע ווארט אויפ'ן בעל תפלה, ער איז נאך צוויי סטאפס צוריקגעשטאנען!

ער לויפט צום אנדערן מנין, פליט אריין ווען די טיר עפנט זיך פאר א צווייטן. און די טיר רופט אויס: ביטע שטייט אוועק פון דער טיר, דאס איז א פארנדיגער מנין!!!

די געלט גייערס גייען ארום מיט די איי-קאלעקטער און סווייפן די בארקאודס ביי יעדן. א בחור לייגט אריין א בי און באקומט א דאלער פופציג, אן אינגערמאן לייגט אריין וכו'. אט דרייט זיך ארום אן אידל פון עזה און ער האט נישט די מאשינקע, ער בעט אן אינגערמאן זאל אים בארגן זיינס.

מ'פארקויפט די עליות, עס קומט ארויף אויפ'ן סידור א פאפ-אפ כאטש ס'איז סתם אזוי געבלאקט, אבער דער גבאי טוט עס אווערריידן. "קויפט די היינטיגע עליות פאר 10 דאללער ביי איט נאו! אדער קענט איר בידן דא. נ.ב. אין דעם מנין זענען דא 3 כהנים 1 לוי און 14 אומבאקאנט!"

צייט לויפט. יענקל דארף היינט אוועקדאווענען ביחידות א חלק ניכר, ער וועט שוין לייגן ר"ת שפעטער. עס קומט ארויף א "עראר אלערט" אויפ'ן סידור: "דו האסט נאכנישט געזאגט קוה, און עלינו, ווי אויך שופר און לדוד. ביטע דרוק דא צו הערן שופר, און לייג אריין א צייט פאר ר"ת, דער צאת איז היינט 9:00 אזייגער"

יענקל לייגט שנעל אריין די רעמיינדער, און קליקט סקיפ אויף די איבריגע, מ'לייגט ארויף די תפילין אויפ'ן תפילעסקעלעטאר און די רצועות לייגן זיך צוזאם ווי נייי, און מ'לויפט!!!

ער באמערקט א מודעה אויפ'ן אי-בארד ביי דער טיר, גאנץ אינטערסאנט, איינער האט צו פארקויפן א סעט פעססווארדס מיט נאר 10 אותיות! מוז זיין עפעס א ירושה! זיכער צו טייער פאר אים.

מיט דער גאנצער געיאגעניש קען אבער יענקל נישט פארזעהן אז עפעס א בהלה טוהט זיך קעגן איבער, פול מיט שנעלע-הילף וואלונטירן, יעדער זיצט ארום די מאשינקעלעך און מ'קאמיוניקירט מיט'ן באטראפענעם וועם מ'העלפט דא.

וואס גייט פאר? פרעגט יענקל

גארנישט ספעציעל! טעקסט אים דער רויטער אינגערמאן דארט וואס האט געליינט אויף זיין רעקל סקרין אז ער וויל וויסן וואס דא איז געשען.

איינער האט זיך אויסגעשפארט! זיין טיר עפנט זיך נישט אליינס! האט מען גערופן חברים, זיי קענען זיך אויס מיט די אמאליגע טעקניקן וויאזוי מ'עפנט א טיר.

ב"ה גארנישט געשען מ'קען פארן ווייטער! מ'האט שוין געהערט אזוינס אז מ'דארף מעניועלי עפענען א טיר! זאל מען האבן אפגעקומען די עבירות מיט דעם.

און דער טאג פאנגט זיך אפיציעל אן!!!

יענקל זעצט זיך אריין אין קאר, און פארט צום דרייווטרו ברעקפעסט טאנעל! יענקל האט ליב צו

קומען דא צוליב דעם אמת'ן סלאגאן אויף דער טיר. "פארט אריין הונגעריג, קומט ארויס זאט, אין 2.5 מינוט".

מ'שטעלט אן דעם היומען נעוויגעיטאר אויף ברעקפעסט מאוד און עס קומט ארויף אן אראנדזש אלערט: "היינט קענסטו עסן 2 האלוויט ברויט מיט אוואקאדא, א האלבן קאפ אראנדזש דזשוס! ווייל דו האסט שוין געטרונקען נעכטן צו פיל! פליז סעלעקט, 1. פולע מעניו 2. סאפלעמענט אין פיללס 3. אינהעילער (אריין אטעמען) סאפלעמענט.

יענקל האט ליבערשט צו זעהן דאס עסן, עס מאכט אים זיך דערמאנען פון די אלטע היים! בכלל איז ער שטארק מקפיד אויף מנהגים, אלזא ער וויל פול מעניו. העבסטנס וועט ער מוזן בייסן און שלינגען, דאס לעבן איז נישט גרינג!

מען פארט אין דער ארבייט אריין. יענקל'ס ארבייט איז נישט קיין גרינגע, עס דערמאנט אין דער עבודת פרך פון מצרים ווען מ'האט געבויט פיתום און רעמסס און צום סוף איז עס געווארן צעווארפן. ער ארבייט פאר א ריזיגן שיך-מאניופעקטשורער. אין זיין דעפארטמענט לייגט מען אריין די דזשי פי עס אפאראט אונטער'ן שיך וואס האלט קאנטראל אויף די קינדערלעך.

זיין ארבעט איז גאר א שווערע, ער איז ביים ריטוירנס-דעפארטמענט, וואס שיקט ארויס סיגנאלן פאר די עלטערן וואס די קינדערלעך זענען ארויס פון די 2.2 בלאקס רעדיאס און מ'דארף זיי ריטוירנען.

אבער וואס טוט מען נישט פאר פרנסה?

היינט איז א גאר גרויסער טאג אין דער ארבעט! דער בעל הבית'ס אי-ריעדער האט היינט געענדיגט א מסכת! דער בעה"ב נעמט אפיר דעם כלי און קוקט מיט גרויס פרייד ווען טרערן קומען אים אין די אויגן אז נאך אזויפיל מאל ריסטארטן די מאשינקע איז עס אנגעקומען צום "דאונלאוד קאמפליט". און יעצט האפט ער אז ער וועט קענען זיך נעמען צו דער נעקסטער מסכת בעז"ה.

די ארבייטער האבן אלע צוזאמען געברענגט א שיינעם בלומען-פאד וואס טוישט זיך פון טרויבן צו טשעריס און אזוי ווייטער! אלעס לכבוד דעם סיום.

די ארבייט דארף דאך געטוהן ווערן! און יענקל שטעקט איין זיינע ידים אין דעם קאמפיוטער פינגער ריעדער, דאס טוט מער-וויניגער די ארבעט, אבער דאס לאזט אים נישט אוועקרירן זיך פונעם קאמפיוטער פאר א האלבע שעה צייט! הוי וואס האבן אונזערע זיידעס דען געוואוסט?

✦✦✦

אונזערע באבעס פלעגן 3 טעג נאכ'ן וואשן וועש נישט קענען רירן די הענט פון די בלוטערן און אויסשלאגן ביים וואסער.

אונז דארף מיר א פוילישע ערלית צו דרוקן דעם באטן און מ'קען נישט נאכקומען!

אונזערע אייניקלעך וועלן דורכגיין מיט די בגדים א "קלייד וואש" און צאלן טעקס פאר די סערוויס.

✦✦✦

אונזערע זיידעס זענען געזעצן געבויגן א גאנצן טאג איבער א באנק פון האלץ און געהאקט נעגל און געבלוטיגט פאר'ן טולער.

אונז זיץ מיר ביים קאמפיוטער און שיקן אימעילס. און מ'האט נישט קיין צייט צו אטעמען.

אונזערע קינדערלעך וועלן זיצן אויסגעצויגן אויף די לופט און טראכטן פון מאכן געלט און דאס וועט זיין גענוג! זיי וועלן קרעכצן אז זייערע זיידעס האבן נישט געוואוסט וואס ארבייט מיינט.

✦✦✦

איך מיין ס'איז צייט צו מאכן א שטיקל חשבון! אן אמת'ן חשבון! וויפיל פון אונזער טייערער צייט גייט פאר וויכטיגס? און וויפיל נישט?

עס רעדט פאר זיך אליינס! צינדט אן דעם מוח! ער האט אויך א תפקיד אויף דער וועלט!

https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/415.html

ארטיקל · הומאר

# א הספד אויפ'ן I-POD

אידישע וועלט (iddishevelt.com), אפטיילונג "ארטיקלען" | יגר סהדותא | 25סטן אקטאבער 2007




"נעבעך א האלבע אינטש ברייט..." – אן אייפאד פון יענע יארן. (בילד: Evan-Amos, פובליק דאמעין)

**אין 2007, ווען דער "אייפאד" איז נאך געווען א נייע מציאה און מ'האט דערויף געהערט שיעורים אין קאר, האט א שרייבער אויף "אידישע וועלט" פארלוירן זיינעם. דאס איז געבליבן פון אים: א הספד אין דעם בעסטן היימישן נוסח. (דער שרייבער האט צוגעשריבן אז ער האט עס "גענומען פון דא".)**

אוי, אוי, אוי, וויי!

דער קליינער I-POD האט נישט נאכגעלאזט נאך זיך קיין שום שפירן; פארשוואונדן ווי אין וואסער אריין. וויאזוי קענען מיר זיך איינהאלטן און נישט אויסברעכן אין א יאמערליכן געוויין?

אוי I-POD, אוי, אוי! וויאזוי קען מען אנגיין ווייטער מיט'ן טאג אן דיר? די קאר איז איינגעהילט אין א שטילקייט, ווען מ'הערט נישט דיין קול. דיינע מדות, דיין צוריקגעצויגנקייט – דאס וועלן מיר נישט קענען פארגעסן.

וויאזוי הייבט מען אן, ווען מ'זאל רעדן פון זיין "התמדה בתורה"? וויאזוי קען מען פארגעסן וויאזוי שעה'ן אויף שעה'ן האט ער גערעדט און געלערנט, מיט אזא כח, מיט אזא ברען! וויפיל מאל פלעגן מיר אויפשטיין פארטאגס און זען אז ער האט זיך בכלל נישט צוגעלייגט; ער האט גערעדט און גע'דרש'נט, ניטאמאל קוקנדיג צי אנדערע הערן אים בכלל צו. פשוט, ס'האט אים נישט אינטערעסירט. ער האט קיינמאל קיין כבוד נישט געזוכט. ווי קליין ער איז געווען – נעבעך א האלבע אינטש ברייט, דין ווי א פערטל פינגער! אזוי ווייניג האט ער געהאלטן פון זיך. און דא, אבוי, מיר האבן אים פארלוירן!!

**”ער האט קיינמאל קיין כבוד נישט געזוכט. ווי קליין ער איז געווען!”**

נישט איינמאל האט פאסירט אז ער האט זיך אראפגעזעצט לערנען פרייטאג נאכמיטאג, ווען איך בין אהיימגעקומען פון מקוה, און זונטאג צופרי, אנצינדנדיג די קאר, האב איך אים געכאפט ביי דער גמרא! ער פלעגט דעמאלט זיין זייער אפגעשוואכט, ווי מיר וועלן באלד ארומרעדן דערפון.

וויפיל מאל – אוי, ס'ליגט מיר נאך אין די ביינער – וויפיל מאל פלעגסטו זאגן: "דער נעקסטער שיעור וועט זיין נעקסטע וואך מאנטאג" (אדער מיטוואך וכו'), און ביז דערווייל האסטו

זיך א מינוט דערנאך געזעצט לערנען מיט א פרישן, לעבעדיגן קול, ווי קיינמאל גארנישט...

ווען מ'זאל רעדן פון זיין צוריקגעהאלטנקייט: ער האט זיך כל ימי חייו נישט געמישט אין קיין פאליטיק. ער האט נאכגעזאגט דרשות פון רבנים פון אלע זייטן; עירוב יא, עירוב ניין – ס'איז אים בכלל נישט אנגעגאנגען, די אלע זאכן. ער פלעגט קענען זינגען ליפא שמעלצער'ס הלל מיט'ן ביאור פון ר' יוסף חיים גרינוואלד...

אך, וויאזוי געשמאק ס'איז געווען צו הערן פון אים סיפורים, וויאזוי ער האט נאכדערציילט די מעשיות און זיי צוגעטענדיגט מיט אזא חן וואס נאר ר' יענקלע פרשווארסקער האט געקענט...

ווען מיר וועלן מקיים זיין דעם מאמר חז"ל "אין אומרים לפני המת אלא דבריו של מת", וועט עס אונז זייער שווער אנקומען, ווייל ווי געזאגט פריער: לא פסק פומיה מגירסיה.

ער האט די ענגלישע שפראך קיינמאל נישט גערעדט. ווען ער פלעגט עס יא דערמאנען, איז עס געווען ממש מיט געהאקטע ווערטער, וואס ס'האט ממש געקאכט א שמייכל ביי די אנוועזנדע, בלויז אויף אונז אנצואווייזן וויאזוי דערפרעמדט ער איז געווען פון דער וועלט: "וויי-האר", "תל-ווישען", "עמא-ריקא", דער ניגון "הוי-רע", דאס עסן אינדרויסן אויפ'ן פארטש, צו עסן "גרויל"! דאס איינמאל וואס ער האט יא געזונגען מיט קלארע ענגלישע ווערטער איז געווען: "להטות לבבינו I LOVE, I LOVE..."

וויאזוי מאכט מען פון א יומא דפגרא א יום טוב? בלויז אין די לעצטע וואכן אליין, האסטו, I-POD טייערער, געזאגט אזעלכע קלינגנדיגע שיעורים! אלע שטאנגען פון "גוגל טאלק" זענען געווען באהאנגען מיט פלאקאטן, מעלדנדיג ביי וועלכן שיעור אין דער הגדה דו האלטסט. שלשים יום קודם החג פלעגסטו איבערוואשן דיין מוח און אריינלייגן דערין פרישע שיעורים, פרישע דרשות. ממש א לעבעדיגער ספר תורה ביסטו געווען! ועכשיו נפשנו יבשה; מיר האבן אלעס פארלוירן, אלעס.

דו האסט ליב געהאט דאס מערסטע ר' ישראל דוד שלעזינגער שליט"א. פארשטייט זיך אז אלע זענען דיר געווען גלייך באליבט; זייער תורה האסטו געטרונקען מיט דורשט. ווער קען דען פארגעסן וויאזוי דו פלעגסט נאכזאגן גאנצע דרשות אויפ'ן לשון...!

**"דו האסט אונז אייביג אזויפיל חיזוק געגעבן. אוי, וואס גייט דא זיין?"**

פלעגסט זיך אלעמאל רעכענען מיט'ן מצב. ווען די רביצין איז אריינגעקומען אין קאר, פלעגסטו זינגען שיינע ווארעמע ניגונים פון ר' יונתן שווארץ און ר' יוסף משה כהנא – אוי, ווי איך וויין! איינמאל, ווען דו ביסט געווען אין גאר א גוטער שטימונג, ווען מיר האבן אויפגענומען אויף א "היטש" אן אינגערמאן וואס האט ליב צו שפילן בנש"ק, האסטו זיך צעזונגען מיט א הילכיגן, קנאקעדיגן "ברוך הבא"-ניגון, אז וואכן לאנג האט יענער נישט אראפגענומען דעם שמייכל פון זיין פנים.

דאס דאווענען דיינס – איך האב קיינמאל נישט געהאט די זכיה דיך צו זען אינמיטן. אבער אוי, ווען ס'קומט מיר ארויף אויפ'ן זכרון די איבער דריי הונדערט שיעורים אויף תפלה, נאכמאכנדיג דערביי דאס קול פון ר' ישראל דוד'ן... אסאך מאל, גאר אסאך מאל האב איך דיך געטראפן ליגן אין א באוואוסטלאזן צושטאנד, ווען דיינע ליפן שעפטשען דעם "שמע ישראל", און אויף דיין אייגנארטיגער שפראך: "battery low"... עד כלות ביסטו געווען. איך האב געכאפט דעם "רי-טשארדזשער" און דיר געגעבן עפעס אין מויל אריין. קיין געהעריג עסן האסטו קיינמאל נישט געוואלט עסן, חוץ דעם קליינעם אפגעביסענעם עפל אויף דער רעכטער זייט וואס דו פלעגסט אלץ טראגן אויף דיין רוקן; אבער עפעס טראפנס "עלעקטריציטעט" האסטו געשלונגען, און מ'האט קלאר געזען וויאזוי צוביסלעך, צוביסלעך, כאפסטו זיך צוריק. האסט אזוי, פונעם קליינעם טרינק, נאכדעם געקענט לעבן כמעט א וואך!!

ווער דא געדענקט דען נישט וויאזוי איינמאל איז געהאנגען אין אלע בתי מדרשים ביי אונז א צעטל מיט א "בקשת רחמים", אז כ"ק I-POD שליט"א ליגט אינגאנצן פארפרוירן? און מיר האבן געפועל'ט: נאך אפאר חדשים האט מען אונז די זכיה געגעבן נאכאמאל צו הערן פון דיר. וויפיל מאל פלעגסטו דאס אלעמאל זאגן: קיין איין תפלה ווערט נישט פארפאלן!

ווען דו גייסט ארויף... אוי, אוי, ס'איז שרעקליך! דו האסט איבערגעלאזט די קליינע צווילינג-קינדער – די "העדפאונס"; זיי גייען זיצן פאריתומ'ט. אוי, ווער קען דאס איבערטראגן? און דיין ברויטגעבער, דיין שפייזער – דער "טשארדזשער"... אוי, פארגעס נישט פון אונז!

דו פלעגסט אמאל זאגן "וזרח השמש ובא השמש"; דו האסט אונז אייביג אזויפיל חיזוק געגעבן. אוי, וואס גייט דא זיין?

דו פלעגסט אזוי האפן אויף ביאת המשיח; נישט געווען אמאל וואס דו זאלסט ענדיגן א דרשה אן די ווערטער "און מיר זאלן זוכה זיין אנטקעגן צו גיין דעם גואל צדק". טאקע אמאל האסטו באשלאסן ס'זאל יא זיין "ומלכנו בראשנו" און אמאל נישט, אבער אויף משיח – זיכער. און דא – אזא בראך!

אוי, זאל שוין זיין "וחרפת עמו יסיר", ובא לציון גואל.

דיסקוסיע · דיסקוסיע

# העלפט א ציגארעטל צו בארואיגן?

א רויכיגער שמועס אויף קאווע שטיבל, פון 2012 ביז 2024

קאווע שטיבל, פארום "געזעלשאפט" | אלזא (עפנער), און די חברים | 12טן סעפטעמבער 2012 (מיט צוגאבן ביז 2024)

**א פשוטע פראגע: ס'איז נישט געזונט, ס'שטינקט און ס'קאסט געלט – אבער בארואיגט עס כאטש? די רויכערער, די געוועזענע רויכערער און די וואס האבן פיינט דעם שמעק האבן זיך צוזאמגעקומען, און נאך עלף יאר האט מען דעם אשכול ווידער אויפגעוועקט.**

**אלזא** 12טן סעפטעמבער 2012

אמת, ס'איז נישט געזונט. ס'שטינקט. ס'ברענגט קרענק. ס'איז נישט מענטשליך פאר אנדערע.

אבער די מענטשן וואס רויכערן יא – נעמט עס טאקע אוועק זייער אנגעצויגנקייט?

איז עס גוט פאר הכנות (בלע"ז)?

**zurich**

האסטו שוין אמאל געגעסן פאפיטעס? איך מיין "געהאקטע" פאפיטעס! כעין זה, און אפילו נאך בעסער, איז א צוגראטעל!!

איינער איז "אין" פאר איינס? יאללא!

**שמואל הלוי**

ס'נעמט אפשר אוועק די אנגעצויגנקייט בשעת'ן רייכערן, אבער א מינוט דערנאך קען מען זיין גערעגט ווי א קוה.

**zurich**

דו רעדסט פון עקספיריענס?

**שמואל הלוי**

ניין! ב"ה רויכער איך נישט. איך זע עס נאר ביי אנדערע.

**zurich**

אין א געוויסן זין בארואיגט עס די נערוון.

ווען דו דארפסט מאכן א וויכטיגע דעסיזשן, נעמט מען א ציגארעטל און דער קאפ ווערט קלאר!!

מען קען זען אסאך מאל נאך א שווער שטיקל פון ר' עקיבא איגר שטייט "וצ"ע". זאגט מען א הלצה, אז "וצ"ע" מיינט: וצריך עישון!!!

ר' עקיבא שרייט: פאר אזא שווערן תוס' דארף מען שוין כאפן א ציגארעטל!!

**יחזקאל**

ווען דעם נעם איך א מינוט נאכדעם נאך א ציגארעטל וכו'.

**אלדד** 13טן סעפטעמבער 2012

לגבי הכנות לתפילה ג"כ מועיל ביותר

**diff**

Deep and slow breathing is known to relieve anxiety. Just breathe like A smoker deep and long, exhale slowly. search online

**פויער**

ס'ווערט געזאגט א ווערטל אויף די רויכערער, אז דאס ציגארעטל קומט אייביג אריין אין פלאץ.

ווען מען איז הונגעריג: לאמיר זיך אביסל בארואיגן מיט א ציגארעטל..

ווען מען איז אנגעגעסן: נא, אביסל פארדייען דאס עסן מיט א ציגארעטל..

ווען מען איז נערוועז: איך מוז האבן א ציגארעטל..

ווען מען איז רואיג: אה, יעצט קומט א רואיגע ציגארעטל..

ווען מען איז דעפרעסט: איז מען אדיקטעד צום ציגארעטל..

ווען מען איז פריילעך: א גוט ציגארעטל..

ביי דע ווער: איך בין א שטארקער רויכערער, און איך ראט קיינעם נישט אנצוהייבן צו רויכערן: דאס געזונט אויס, די גרויסע געלט וואס דאס קאסט אפ, מ׳איז שטענדיג אנגעלייגט, מ׳הוסט, מ׳שפייט, מענטשן עקלען זיך פונעם גערוך, און דער עיקר די עדיקשאן און די פרעשור וואס מען האט כסדר, אלעמאל צו האבן א פושקע ציגארעטן אין קעשענע, און נאך.

אבער גארנישט קומט נישט צו, ווען מען זיצט ביי א רואיגער מינוט מיט א קיל נאכט-לופטל און מ׳בלאזט ארויס שטייטלעך דעם גרויען, געשמאקן טאבאק-רויך...

**ציגרעטל**

ווי יענקל מיללער זאגט: צוויי זאכן פעלן אים: א ציגארעטל נאכ׳ן טשאלנט, און א ביר נאכ׳ן אפיקומן...

**[פארקירצט]**

**משה רוקח**

א ציגארעטל איז סאך מער רילעקסינג ווי סתם טיף אטעמען. האסט אמאל פרובירט איינס? (איך רייכער בערך א פושקע א טאג.)

**לעמיל** 14טן סעפטעמבער 2012

וואו, דאס איז אסאך!

**אלזא**

אבער ס׳קען אייביג זיין בעסער.

**קליינע צדיק׳ל** 13טן נאוועמבער 2023

לעצטנס געהאט מיט אפאר חברים, וואס איך האב זיך געווערטלט מיט זיי אז איך מיין זיי זאלן אנהייבן רייכערן, נאכ׳ן זען אז אין שווערע טעג, אונטער פרעשור וכד׳, האבן זיי נישט קיין וועג זיך צו בארואיגן און אויסצולופטערן.

**אלע צוזאמען**

א ציגארעטל העלפט נישט צו ווערן רואיג. די זאך וואס בארואיגט איז דאס אריינאטעמען און ארויסאטעמען שטייטערהייט.

**פאלאצ׳ינטא** 14טן נאוועמבער 2023

דאס איז אן איינרעדעניש. און ווי איך האב אמאל געהערט פון א חכם: אן איינרעדעניש איז ערגער ווי א קרענק... אויסער דעם ווייס איך דאס פון עקספיריענס: איך פלעג רייכערן.

**מתחזק** 19טן נאוועמבער 2023

איך פלעג רייכערן א פושקע א טאג, ביז כ׳האב געליינט דאס בוך Easy Way to Stop Smoking פון Allen Carr. איך וואלט עס זייער געראטן פאר ווער עס פילט אז ער וויל אויפהערן. איינס פון זיינע פוינטס איז, אז ווען דו ביסט נערוועז, דארפסטו זיך נישט נאר ספראווען מיט דיין פראבלעם, נאר דו דארפסט יעצט אויך קעיר נעמען פון דיין עדיקשן, און ערשט נאכדעם קענסטו בכלל טראכטן; משא״כ דער נאן-סמאוקער האט פשוט נישט די צוגעלייגטע פרעשור פון יעצט ״מוזן״ רייכערן.

**קרישמע** 20סטן נאוועמבער 2023

The short answer is No

**קהל׳ס נער** 21סטן נאוועמבער 2023

אלס א רייכערער מפעם לפעם (ווי מ׳זאגט: לאנגזאם, ער רייכערט נאר ביי א תענית, מוצ״ש און אינדערוואכן...): עס בארואיגט יא, אבער ס׳וועפט גאנץ שנעל אויס, לאמיר זאגן דאס צווייטע ציגארעטל גייט שוין גארנישט צוגעבן. מען מעג רייכערן פון צייט צו צייט; יעדע זאך דארף מען וויסן א מאס. פונקט ווי אלקאהאל און צוקער הרג׳ענען מענטשן, און יעדער איז מסכים אז מיט א מאס שאדט עס (כמעט) נישט, אזוי איז די זעלבע זאך ביי ציגארעטלעך.

כדי צו לייגן אין קאנטעקסט: סטאטיסטיש גערעדט, פאר יעדן ציגארעטל וואס מען רייכערט פארלירט

מען 11 מינוט פון לעבן, ווס. פאר יעדן קען סאודע פארלירט מען 12 מינוט פון לעבן.

**אויסגעהאלטן** 22סטן נאוועמבער 2023

לענ"ד איז עסביידע: עס קען העלפן בארואיגן ווען מ'האט פרעשור, אבער טאמער ווערסטו אדיקטעד (וואס געשעט צו יעדן נארמאלן מענטש), ווערט עס א פרעשור וואס א נישט-רויכערער האט נישט, און ס'מאכט סתם פראבלעמען. אני כשלעצמי האב א vape אין טאש, און איך נעם בערך 20 puffs א טאג בדרך כלל, און עס העלפט אסאך. איך וואלט עס נישט אויפגעגעבן אזוי שנעל, פשוט פאר די אנגעצויגענע טעג ווען מ'קומט אהיים און מ'פילט ווי מ'גייט פלאצן: נעמט מען אפאר puffs, און מ'ווערט (כמעט) א נייער מענטש.

**צוקוועטשטע איילבירטן** 9טן אפריל 2024

כ'בין גראדע נישט קיין רויכערער, און כמעט קיינמאל נישט גערייכערט, חוץ אלס בחור עטליכע חתן-ציגארעטלעך, פון וועלכע כ'פלעג מיך צעהוסטן; און אזוי ווי כ'בין בטבע א באקוועמער מענטש, האב איך מיך נישט געהאלטן ביים מוסר נפש זיין דערמיט. נאר א פיינעם דעווידאף אדער מאנטעקריסטא ציגאר טוה איך יא מפעם לפעם; דאס ציט מען נישט אריין. פארוואס זאג איך עס? ווייל לאפוקי די וואס טענה'ן דא אז די סיבה פון דער רילעקסעשן ביי א ציגארעטל איז דאס אריינאטעמען שטייט און ארויסאטעמען: ביי א ציגאר אינהעילט מען עס נישט, און מ'שפירט דערפון א בארואיגנדיג געפיל בשעת מ'פארויכערט דעם ציגאר. פארוואס? דאס קומט פון דעם באקאנטן כעמיקאל וועלכן יעדעס ציגארעטל און ציגאר פארמאגט אין זיך, "ניקאטין", און דאס גיט דעם פלעזשערעבל פילינג. אפילו אז מ'ציט עס נישט אריין, שפירט מען גאר גוט דערפון, ווייל ווען מ'ציט עס אריין אין מויל, גייט עס אריין אין די בלוט-שטראמען דורך די טישוס אין מויל.

**שפילער**

דאס גאנצע ציגארעטל איז אן איינרעדעניש.

**צוקוועטשטע איילבירטן**

אויף א כעמיקאל זאגט מען נישט "איינרעדעניש".

**סקעפטיקער**

יעדע הנאה איז אן איינרעדעניש; עס איז אבער געשמאק.

**ראדני**

גענוג שוין מיט פייניגן דעם עולם וואס רייכערט. ס'איז טאקע נישט געזונט, און?

דער נומער איינס הרג'ער אין USA איז הארץ-קראנקייט. ווייסט איר פון וואס הארץ-קראנקייט קומט? נישט פון רייכערן, נאר פון צוקער!

זאלן די אלע אנטי-רייכערן מה יפית'ניקעס ערשט מאכן געזעצן אז מען טאר נישט עסן צוקער אונטער 18, און לייגן א טייערן צוקער-טעקס – אה, און אז מען טאר נישט עסן צוקער אין רעסטוראנטן און אין פארקס, באסעס, עראפלאנען וכו'.

ווען זיי וואלטן באמת געמיינט די טובה פון דער מענטשהייט, וואלטן זיי אונז נישט גע'טראל'ט מיט אנטי-רייכערן, נאר ענדערש געווען פארנומען מיט דעם אמת'ן פראבלעם, דהיינו צוקער.

**בר גיורא**

אנטשולדיגט פאר'ן זיין א מה יפית'ניק...

אבער מ'פארבאט, אדער מ'לייגט טעקס, נאר אויף זאכן וואס זענען בעצם שעדליך. אויף זאכן וואס זענען געזונט, נאר מענטשן עסן צו סאך, דארף מען נעמען אנדערע שריט.

אין ישראל לייגט מען טאקע טעקס אויף סאדע. דארט איז די צוקער-איבערעסעריי ממש א נאציאנאלע פראבלעם, מיט די מערסטע מענטשן וואס מ'דארף אפשניידן א האנט/פוס צוליב דייאביטיס!

**כספי** 10טן אפריל 2024

פאר איך שרייב מיין טעיק: ס'איז דא א באוואוסטע מעשה איבער רייכערן וואס איז כדאי אפצושרייבן דא, אמאל איז א דזשורנאליסט געשטאנען אין איינע פון די גאסן אין מאנהעטן, און געזען א

מיטליעריגן פארשוין רייכערן. דער דזשורנאליסט איז צוגעגאנגען צום מענטש, און ער פרעגט אים צי ער קען אים פרעגן אפאר קושיות. "יא, פארוואס נישט?" "וויפיל ציגארעטלעך רייכערסטו א טאג, ענטפערט ער: "דריי פושקעס." "וויפיל יאר רייכערסטו שוין?" זאגט ער: "די לעצטע פערציג יאר." נעמט דער דזשורנאליסט ארויס זיין רעכן-מאשין, און ער רעכנט אים אויס: לאמיר זאגן א פושקע ציגארעטלעך קאסט 15 דאללער, דריי פושקעס א טאג איז 45 דאללער, 365 טעג א יאר קומט אויס צו 16,425 דאללער א יאר, פערציג יאר קומט עס אויס צו 657,000 דאלער. "נו," פירט אויס דער דזשורנאליסט מיט א שמייכל, "ווען דו רייכערסט ווען נישט, וואלט דער דערנעבנדיגער בנין געקענט זיין דיינער." זאגט אים דער מענטש: "גראדע איז דער בנין טאקע מיינער, און נאך אסאך בנינים דא אין געגנט. סאו טראג אפ..."

שוין, מיינע צוויי סענט אלס רייכערער וועלן מוזן ווארטן ביז איך וועל האבן מער צייט. הצלחה!

**מילך טראק**

דו רייכערסט? ניין! דו אונסט דעם בילדינג? ניין. איך יא...

**צוקוועטשטע איילבירטן**

אן ענליכע מעשה האב איך געליינט ערגעץ וואו, פון איינעם וועלכער האט געטרונקען עטליכע קענס ביר יעדן טאג. איז געקומען איינער און געמאכט דעם זעלבן חשבון פאר יענעם, אז במשך הזמן האט יענער געשפענדט אזויפיל וויפיל א לאמבארגיני קאסט, און ווען יענער וואלט נישט געשפענדט די אלע געלטער אויף ביר, וואלט ער ווען געקענט זיין דער גליקליכער באלעבאס פונעם לאמבא. האט דער טרינקער צוריק געענטפערט פאר יענעם: "דו טרינקסט דאך נישט, און וואו איז דיין לאמבארגיני??"

**מילך טראק**

א קאווע בארואיגט?

**מילך טראק**

די קליוולאנד קליניק טענה'ט אז דער ניקאטין בארואיגט (זעט אויף זייער וועבזייטל, אונטער smoking).

**אלפא** 11טן אפריל 2024

עס איז א שיין מעשה'לע, אבער עס נעמט נישט אוועק די וואלידיטעט פונעם ארגומענט בכלל. עס איז אזא "רויטע הערינג" סארט פאלאסי.

**כספי**

יא, יא, ס'איז פשוט.

**אשרי העם** 12טן אפריל 2024

ניין.

**דער עקס** 14טן אפריל 2024

פון עקספיריענס: ס'העלפט בארואיגן, אבער נאר זייער צייטווייליג, און מיט די יארן פאדערט זיך מער און מער צו בארואיגן די נערוון.

**עמקות התם** 15טן אפריל 2024

עס בארואיגט פון דעם צורך וואס דו האסט פאר דעם ציגאר; דהיינו, מען שאפט א נייעם צורך, דערנאך ערפילט מען אים.

דערנאך איז דא די נקודה פון אפשטעלן אלעס, מאכן הפסקות פון די לאנגע שעה'ן, און טוהן עפעס אנדערש פונעם רוטין. די פראבלעם ווערט ווען עס ווערט א חלק פונעם סקעדזשול.

**yesiknow**

דער געדאנק איז: ווייל ער האט געריכערט, האט ער געהאט די יישוב הדעת אין צייט צו טראכטן וויאזוי צו מאכן געלט, און דערפאר האט ער די אלע בנינים. די הערינג איז נישט אזוי רויט דאס מאל.

**yesiknow**

דערפאר הערט מען אויף פאר צוויי וואכן, און מען הייבט ווידער אן מיט א פרישקייט, אזוי ווי ביי

אלע אנדערע פלעזשערס אין לעבן. מען דארף זיין קריעטיוו.

**רבים** 16טן אפריל 2024

פרעשור איז אין קאפ. אויב רעדט מען זיך נאר איין אז א ציגארעטל העלפט, איז דאך גוט... והבן.

**רבים**

יא, לויט מיין פערזענליכן עקספיריענס.

**א גוט יאר**

איך האב פיינט ציגארעטלעך, אפי' דעם שמעק קען איך נישט אויסהאלטן, אבער איך האלט אז יא.

**נעקסט לעוועל** 18טן אפריל 2024

כ'וועל צולייגן מיינע צוויי סענט, אלס איינער וואס פלעגט זיין היבש אנגעוויזן אויף ציגארעטלעך צו סורוויוון דעם טאג.

טאקע די סאושעל רעגולאציעס וואס מ'האט ארויפגעלייגט אויף רייכערן, צ"ב רייכערן אין א בנין, העלפן די תועלת פונעם ציגארעטל: דאס צווינגט אונז (על פי רוב רייכערט מען נישט אינדערהיים/אפיס/כולל) אפצוהאקן וואס מ'האלט אינמיטן טוהן, נעמען א ברעיק, ארויסגיין אינדרויסן, זיך פארגלייזן אויפ'ן פייער-פלעמל, פאקוסירן אויף דעם קריץ פונעם רויך וואס גליטשט אראפ ס'העלדזול – פשוט צו נעמען א ברעיק פונעם טעגליכן געלויף.

מ'קען דעבאטירן צי דער ניקאטין אדער טאבאק העלפט באמת, אדער ס'איז נאר אן איינרעדעניש; אבער דאס ציגארעטל איז דער יוצא פועל. אדער אז מ'קען האבן דעם זעלבן בענעפיט פון ארייננאטעמען און ארויסאטעמען – אבער ס'איז אינו דומה צו דעם בענעפיט אין דער ספעציפישער הינזיכט, וואס נאר א ציגארעטל קען דיר געבן.

**שטולענע אייער** 6טן יולי 2024

לאז זיין ס'איז בלויז אן איינרעדעניש; למעשה, וויאזוי זעט מען זיך ארויס פון דעם איינרעדעניש און מען באַרואיגט די נערוון אן דעם ניקאטין? איך קען זיך אפשטעלן פאר א ווייל, אבער דאן קומט עפעס א טריגערינג פרעשור, און אודך כי עניתני...

**שפילער** 7טן יולי 2024

באמערק דעם דמיון דערין. איך בין געווען א העווי רייכערער און א וועיפער. דו דארפסט נאר באמערקן דעם דמיון שבו, און ווי עקלדיג ס'איז, וועסטו סטאפן אין נאו טיים. נאכדעם קומט צו נאך א תנאי: דו דארפסט באמת ווילן סטאפן...

**געדאנקן**

דו האסט אינגאנצן געסטאפט? וויאזוי טאקע?

**תיקון ברענגער**

איך וועיפ אסאך, פלעג אמאל רויכערן אסאך: יאאאאאא, עס באַרואיגט שטארק.

**שפילער**

ווייל איך האב באמערקט דעם דמיון.

**געדאנקן**

וואסערע דמיון?

**שפילער** 8טן יולי 2024

אז א ציגארעטל מאכט רואיג; אז א ציגארעטל איז געשמאק אין א קיפקע; אז א ציגארעטל נעמט אוועק סטרעס – און אפילו אויב יא, לוינט זיך עס נישט.

### אין קורצן

- די רויכערער: ס'באַרואיגט, ס'מאכט דעם קאפ קלאר, און א ציגארעטל אויף דער פרישער לופט איז א ברעיק פונעם טעגליכן געלויף.
- די אנדערע זייט: ס'איז אן איינרעדעניש – דער צורך וואס דער ציגארעטל "שטילט" האט ער אליין באשאפן, און די רואיגקייט קומט פון טיף אטעמען.
- און ווער ס'וויל אויפהערן: באמערקן דעם דמיון, און באמת ווילן.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1888.html

קאלום • סייענס פון די ארכיוון

# די זיבן בריקן פון קעניגסבערג

## וויאזוי א שפאציר-רעטעניש האט געבוירן א ניי פעלד אין מאטעמאטיק

קאווע שטיבל, סייענס-פארום ("די זיבן קעניגסבערג בריקן און דאס אויפשטייג פון גרעף טעאריע")

מי אני (מיט א תגובה פון פארוואס?)

22סטן מאי 2020



לעאנהארד אוילער (1707–1783), געמאלט פון יאקאב עמאנועל האנדמאן, 1753. (פובליק דאמעין)

**יעדע וואך ברענגען מיר דא א סייענס-שטיק פון איינעם פון די ארכיוון. מיר הייבן אן מיט א קלאסישע מעשה פון מאטעמאטיק, אזוי ווי דער ניק "מי אני" האט זי דערציילט אויף קאווע שטיבל, און דערנאך אנגעהאנגען נאך און נאך "בריקן" צו דער טעמע.**

דער טייך פרעגעל לויפט דורך דער שטאט קעניגסבערג (היינט קאלינינגראד), און צעטיילט די שטאט אין צוויי אינזלען, וממילא אין פיר שטיקער לאנד. דאס אלעס האבן אין 1736 פארבונדן זיבן בריקן.

דער בירגערמייסטער פון דער שטאט דאנציג, עהלער, וואס איז געווען א שטיקל מאטעמאטיקער, איז געווען נייגעריג צי מ'קען מאכן א שפאציר וואו מ'גייט דורך יעדע בריק, אן אריבערגיין קיין בריק צוויי מאל. (און פארשטייט זיך אז מ'מוז נוצן די בריקן אנצוקומען צו די שטיקער לאנד, און מ'שטעלט זיך נישט אפ אינמיטן א בריק.) ער האט געשיקט די פראגע צום בארימטן מאטעמאטיקער לעאנהארד אוילער.

צום ערשט האט אוילער נישט געהאלטן אז דאס האט אזוי ווייט צו טוהן מיט מאטעמאטיק. דערנאך האט ער אבער אריינגעקלערט אז דאס האט יא א שייכות מיט געאמעטריע, וואס ער האט גערופן די געאמעטריע "פון פאזיציע". ער האט באמערקט אז די איינציגע זאך וואס איז דא נוגע זענען די בריקן. ולא זו בלבד, נאר אפילו די פלעצער וואו די שטיקער לאנד ליגן זענען בעצם אויך נישט רעלעוואנט.




קעניגסבערג אלס א "גראף": פיר פונקטן (די שטיקער לאנד) און זיבן ליניעס (די בריקן). די ציפער אין יעדן פונקט: וויפיל בריקן גייען ארויס דערפון – אלע פיר זענען אומגראד.

דהיינו: יעדעס שטיק לאנד ווערט גערעכנט ווי איין "נויד" (ווערטעקס) – א פונקט; און די בריקן זענען ליניעס וואס פארבינדן איין פונקט מיט'ן אנדערן. אין אזא פאל קען מען אפילו אויסשטעלן די פונקטן אין א גראדער שורה, נאר מ'מאכט ליניעס פון איין פונקט צום אנדערן לויט וויפיל בריקן פארבינדן זיי. למשל, דאס מיטלסטע שטיק לאנד גייט האבן פינף ליניעס וואס קומען ארויס דערפון. ווען מ'רעכנט נאר פונקטן און ליניעס, רופט זיך דאס א "גרעף".

דערנאך האט ער איינגעזען: אויב איינער גייט צו א פונקט דורך א בריק, מוז ער דאך ארויסקומען פון דארט, און דאס קען נאר זיין דורך אן אנדער בריק. עס מוז דארט זיין א גראדע צאל בריקן. די איינציגע יוצאים מן הכלל זענען די פונקטן וואו מ'הייבט אן און וואו מ'ענדיגט. פון דעם קומט ארויס אז נאר צוויי פונקטן קענען האבן אן אומגראדע צאל ליניעס וואס קומען ארויס דערפון.

העולה מכל זה: אויב מ'וויל וויסן מעיקרא צי מ'וועט קענען מאכן אזא וועג, וואו מ'גייט דורך יעדע ליניע נאר איינמאל, מוזן אדער אלע פונקטן האבן א גראדע צאל ליניעס, אדער נאר פונקטליך צוויי פון זיי האבן אן אומגראדע צאל (און די איבריגע א גראדע). די צוויי אומגראדע פונקטן וועלן זיין וואו מ'הייבט אן און וואו מ'ענדיגט; און אויב אלע זענען גראד, ענדיגט מען בעצם דארט וואו מ'האט אנגעהויבן (אן "אוילער-קרייז").

אין קעניגסבערג האבן אלע פיר פונקטן אן אומגראדע צאל בריקן (3, 3, 3 און 5). דעריבער איז דארט נישטא קיין אוילער-וועג, און עס איז נישט מעגליך אריבערצוגיין אלע בריקן אן נוצן איין בריק צוויי מאל.

בשעת'ן צווייטן וועלט-קריג זענען צוויי פון די בריקן חרוב געווארן פון באמבארדירונגען. דערמיט איז געווארן אז נאר צוויי פון די פונקטן האבן געהאט דריי בריקן (אן אומגראדע צאל), און די אנדערע צוויי האבן געהאט צוויי בריקן (א גראדע צאל), וממילא איז דעמאלט יא געווארן מעגליך אריבערצוגיין אלע בריקן אן אריבערגיין איינע צוויי מאל.

דאס קען מען נוצן ביי די סארט חידות וואו מ'גיט א פארעם און מ'פרעגט צי מ'קען מיט א פען אריבערגיין גאנץ די פארעם אן אופהייבן די פען און אן אריבערגיין א ליניע צוויי מאל. דאס רופט זיך אן "אוילער-וועג", על שמו. דער פריער דערמאנטער כלל זאגט צי ס'איז בכלל שייך.

פון דעם איז ארויסגעוואקסן א ניי פעלד אין מאטעמאטיק: גראף-טעאריע.

## פארוואס?

יישר כח פאר'ן נעמען די מיה אונז צו געבן א טעימה פון גראף-טעאריע. דאס איז זייער נוגע אין אסאך תחומים פון לעבן, און צומאל אין אומגעריכטע סיטואציעס. א גראף קען גענוצט ווערן צו באשרייבן א מאדעל פון א געוויסן פראבלעם; עס ווערט אפט גענוצט אין קאמפיוטער-סייענס, אין פיזיק און כעמיע, און אפילו אין סאציאלע שטודיעס.

## מי אני

א באקאנטער נושא אין גראף-טעאריע איז דער "טראוועלינג סעילסמאן פראבלעם". ער פרעגט: א מענטש וואס דארף ארומגיין צו אפאר שטעט ("פונקטן") – וואס איז דער קורצסטער וועג אויף וועלכן ער קען דאס מאכן? דאס איז ענליך צו דער פראגע וואס מאטערט מוסדות יערליך: וויאזוי צו מאכן דעם שנעלסטן באס-רוט...

דאס איז א דוגמא פון א שאלה וואס מ'קען גרינג נאכקוקן איר ענטפער לאחר מעשה, אבער ס'איז אסאך שווערער אויפצוקומען מיט אן אלגאריטם, מעיקרא דאס צו לייזן. אן אינטערעסאנטע זאך: די אויבנאויפיגע סברא – פונעם פונקט וואו מ'הייבט אן זאל מען גיין צום נאנטסטן פונקט, און פון דארט צום נאנטסטן פונקט, און אזוי ווייטער – גיט בדרך כלל נישט דעם קורצסטן וועג, ובפרט טאמער דארף מען צוריקקומען צו וואו מ'האט אנגעהויבן.

## מי אני

נאך אן אינטערעסאנטע זאך וואס האט א שייכות מיט גראף-טעאריע איז די "פיר-קאליר טעארעם". זי לויטעט אז אויף א (נארמאלער, גראדער) פאפיר וואס איז צעטיילט אין אסאך פארעמס, וואס זייערע ווענט רירן זיך אן, וועט מען קיינמאל נישט דארפן מער ווי פיר קאלירן זיי אלע אויסצופארבן, אזוי אז קיין שום פארעם זאל נישט האבן דעם זעלבן קאליר ווי איינע פון די ארומיגע פארעמס מיט וועלכע זי טיילט א וואנט (נישט נאר אן עק).

(אז מ'דארף נישט מער ווי פינף קאלירן, האט מען געוואוסט אסאך פריער. אז מ'דארף נישט מער ווי פיר, איז שווערער אויפצואווייזן.)

## מי אני

א מעשה וואס איז שייך צו דער פיר-קאליר טעארעם: מ'האט זי אויפגעוויזן מיט א קאמפיוטער, אנשטאט אויפ'ן געווענליכן וועג. דזשאן הארגען, א סייענס-זשורנאליסט, האט געשריבן אן ארטיקל "דער טויט פונעם באווייז", אין וועלכן ער טענה'ט אז מאטעמאטיק האט דערגרייכט א פונקט וואו מ'וועט שוין נאר נוצן קאמפיוטערס צו באשטעטיגן מאטעמאטישע השערות, און דער אלטער וועג וועט ווערן אויסגעשפילט. די מאטעמאטיקער זענען געווען באליידיגט.

שפעטער האבן קאמפיוטער-מאדעלן געוויזן אז א געוויסער סארט "מינימאלע אויבערפלאך" קען עקזיסטירן, אבער די מאטעמאטיקער זענען געווען שטארק סקעפטיש. האבן זיי עס גערופן א "הארגען-אויבערפלאך", על שמו פונעם זשורנאליסט. צום סוף האבן זיי געהאט זייער נקמה: זיי האבן אויפגעוויזן, ווי עס דארף צו זיין, אז אזא אויבערפלאך עקזיסטירט טאקע נישט – און זיי האבן עס אנגעהויבן רופן א "נישט-הארגען אויבערפלאך".

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13854.html

קאלום · היינט מיט X יאר צוריק

# די וואך, אמאל

וואס מ'האט געשמועסט אויף קאווע שטיבל אין דער וואך פון 19טן ביז 25סטן אקטאבער, אין פריערדיגע יארן

קאווע שטיבל (אשכולות געעפנט 19–25 אקטאבער, 2012–2022) | פארשידענע | 2012–2022



דער שטורעם "סענדי", פונעם סאטעליט, דעם 28סטן אקטאבער 2012. (NASA/NOAA, פובליק דאמיין)

> **יעדע וואך בלעטערן מיר צוריק אין די ארכיוון, און קוקן וואס עס האט פארנומען די פארומס פונקט די זעלבע וואך מיט יארן צוריק.**

### מיט 14 יאר צוריק: ״סענדי״ קומט (2012)

דאנערשטאג, דעם 25סטן אקטאבער 2012, האט דער ניק ידען געעפנט אן אשכול מיט'ן נאמען "Hurricane Sandy" און א קורצע ווארענונג: "די האריקעין איז שוין אויפ'ן וועג, און מיר וועלן עס אויך פילן, מסתם." דער ערשטער ענטפער, פון קליגער איד, איז געווען די פראגע וואס יעדער האט געפרעגט: "וואס גייט דאס זיין? שניי? רעגן? ווען איז דער פלאן אז עס זאל אנקומען?" אין די קומענדיגע טעג איז דער אשכול געוואקסן ביז 252 תגובות, מיט וועטער-באריכטן, נייעס און שמועסן פון שעה צו שעה. (אונזער "תגובה פון דער וואך" קומט אויך פון יענעם אשכול.)

### מיט 13 יאר צוריק: ״זענען מיר אנאלפאבעטן?״ (2013)

דעם 23סטן אקטאבער 2013 האט יידל דערציילט פון א שמועס מיט אן אלטן באקאנטן, א "שטיקל הוגה דעות", וואס האט אים געזאגט פארוואס ער שרייבט נישט אויפ'ן פארום: ער קען נישט שרייבן קיין אידיש ווי עס דארף צו זיין, און ער האט מורא פאר די צינישע תגובות. "און פון וואו זאל איך קענען שרייבן ענגליש?" האט דער אינגערמאן געפרעגט האלב לאכנדיג, האלב ערנסט. דער אשכול איז געווארן א לאנגער שמועס (137 תגובות) איבער שרייבן, ליינען און שפראך אין דער היימישער וועלט.

### מיט 12 יאר צוריק: עבאלא אין ניו יארק (2014)

דעם 23סטן אקטאבער 2014 האט ישראל קאפקע באריכטעט אז א דאקטאר וואס איז צוריקגעקומען פון גינעא, וואו ער האט באהאנדלט עבאלא-קראנקע, איז אריינגעפירט געווארן אין בעלוויו שפיטאל אין מאנהעטן – און אז די נאכט פריער איז ער געווען אין א באולינג-זאל אין צפון-וויליאמסבורג, ווייניגער ווי א מייל פון דער היימישער געגנט. אינמיטן דער ערנסטער דעבאטע איבער קוואראנטין, האט זיך ארויסגעשטעלט א קליינע פערל:

> פארוואס?: ווארענונג! דער אשכול גייט אריינפארן אין א שמועס איבער מאראל, און פון דארט צו פילאזאפיע. טיפיש קאווע שטיבל, און טיפיש יאיר...

> יאיר: מיר האט מען געלערנט אז צוויי "אמר רבי יהודה אמר רב"ס אין ווילד פרעמדע ענינים איז גענוג זיי צוצוקלעבן.

### מיט 11 יאר צוריק: די שטערקסטע הוריקעין (2015)

דעם 23סטן אקטאבער 2015: "א הוריקעין מיט ווינטן פון 200 מייל א שעה איז עטליכע שעה אוועק פון קומען צו לאנד אין דרום-מערב מעקסיקא", האט געשריבן ישראל קאפקע. די ווינט-שטויסן האבן דערגרייכט 248 מייל א שעה, "די שטערקסטע הוריקעין וואס איז סיי ווען געמאסטן געווארן". דאס איז געווען "פאטריציע".

### מיט 6 יאר צוריק: געים-טעאריע (2020)

דעם 19טן אקטאבער 2020 האט מי אני – דער זעלבער שרייבער פון אונזער סייענס-קאלום די וואך – געעפנט א סעריע איבער געים-טעאריע: "א פעלד אין מאטעמאטיק וואס גיט זיך אפ מיט'ן מאטעמאטיש אנאליזירן קאנקורענץ צווישן צוויי צדדים וואס האנדלען ראציאנעל". דער אשכול האט באקומען 52 תגובות – א גוטער קאנדידאט פאר א קומענדיגן סייענס-קאלום.

### מיט 4 יאר צוריק: ווער קוקט דיר נאך אין שול? (2022)

דעם 21סטן אקטאבער 2022, גלייך נאך די יום טובים, האט תוהו ובוהו ארויפגעלייגט א ליד וואס הייבט זיך אן ווי א מוסר-שמועס, און ענדיגט זיך מיט אן איבערראשונג. דאס גאנצע ליד:

> שוין די לעצטע שטיקל צייט / האב איך אן איידיע געהאט

> דא אין אונזער לאקאלער שול / האב איך מיר גענומען א ציל

> איך האלט אן אויג אויף דיר / און איך כאפ אויף יעדן ריר

> ביים בענטשן אלול דיין פנים מוטלאז / אין מקוה ער"ש ביסטו געקומען הוטלאז

> נישט אנגעקומען צו שאלעשידעס / א מנחה האסטו געכאפט ביחידות

> אבינו מלכנו פרום געזאגט / אבער סליחות יעדן צווייטן טאג

> דיר באמערקט טרינקען א קאווע פאר חצות / און אויפשטיין ראש השנה נאכ'ן עלות

> צום גדליה האסטו נישט אויסגעקוקט ווי אין א תענית / מיין שארף אויג האט דיר נישט געטראפן ביי קרבנות

> לעקאך האסטו מיט א ברייטער האנט גענומען / אבער פארגעסן מיט א טיפ צוריקצוקומען

> יו"כ געקומען באצייטענס טאקע / אבער קיין ווארט תפילת זכה

> האסט געשמייכעלט ביים דרשה ביטרע / און געמאכט הארמאני ביי כל נדרי

> האסט געשפילט באלעבאטיש / און ביים ליינען גע'שנדר'ט דראמאטיש

> מיר קענסטו אבער נישט דעם קאפ פארדרייען / ביי בספר פרנסה וכלכלה געהערט דיינע ברעטשערייען

> בשמים האסטו געשמעקט אן איבער-דאזע / און זיך העפטיג גע'טענה'ט ביי פויזע

> געביפערט מעריב אן כוונה / און אנטלאפן פאר קידוש לבנה

> דיין אתרוג האב איך באוואונדערט / ס'האט דיר זיכער געקאסט אפאר הונדערט

> באמערקט ווי דו האסט צוגענומען וואג / פון אזויפיל סעודות פער טאג

> בחג האהאהא-מצות האביך מיט דיר מיטגעברומט / אויפ'ן ערבות פרייז מיט דיר מיטגעקרומט

> ביי משנה תורה צווישן אלע קעפ / דיר באמערקט שטופן אויף וואטסעפפ

> געבאפט קלעפ פון דיינע הושענות / סידאך א מנהג כ'האב נישט קיין טענות

> שמחת תורה ווען האסטיך דערקלערט שיכור / נאך א קנאפע צוויי בראנפען-גלעזלעך ליקער

> אויך ווען דו האסט געטאנצן מיט אייפער / ווען מ'האט דיר פיינעלי געאפפערט א ספר

**[פארקירצט]**

> ניין איך בין נישט פון וועד הצניעות / אדער דיין שונא'ס נגיעות

> דארפסט פון מיר נישט נעמען קיין עול / כ'בין נישט אויף דיינע מוסדות פעיראל

> כ'האב דיר בלויז באאבאכט פאר א גאנצן חודש / זינט מ'האט מיר אינסטאלירט אויפ'ן ארון קודש

> בעסערס וואס צו טוהן האב איך נישט סייווי / כ'זיץ דא אויף מיין אייביגער רו

> דארט מיט די הענט אין די הייך / ווי די ספרדים ביי עלינו לשבח

> טו איך דיר שטענדיג באגלייטן / און האלט מיט דיינע שוואכקייטן

> ווען דו פרובירסט מיטטאנצן מיט'ן טאקט / און ווען דו ווערסט אביסל פארהאקט

> בארואיג זיך אבער מיין פריינט / איך בין דאך נישט דא פון היינט

> איין זאך קען איך דיר זאגן קלאר / דיין שכן איז נישט בעסער מיט קיין האר

> ...

> אמר רבי אלעזר בן עזריה / הדא הוא דכתיב הושיענו מפי אריה

דאס ליד הייסט "ארי שבחבורה": דער לייב אויפ'ן ארון קודש האט אלעס געזען.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/

קאלום • די תגובה פון דער וואך

# ”דאס איז דער הויכפונקט פון זיין גאנצער קאריערע!”

קאווע שטיבל, אשכול "Hurricane Sandy" | זר זהב | 29סטן אקטאבער 2012

> יעדע וואך קלייבן מיר אויס איין תגובה פון די ארכיוון: א שארפע, א חכמה'דיגע, אווארעמע.

דער צושטאנד: מאנטאג, דעם 29סטן אקטאבער 2012. דער שטורעם ”סענדי” קומט אן צו לאנד. אינעם אשכול אויף קאווע שטיבל לייגט דער ניק ”פיקציע” ארויף א לינק צו א קליפ, מיט די ווערטער: ”א פאריקטער סי-ען-ען רעפארטער אין אטלאנטיק סיטי, נ.דזש. קיינער איז נישט דא מער.” פיר מינוט שפעטער קומט דער ענטפער:

**זר זהב**

ער איז שוין גארנישט פאריקט! דאס איז דער הויכפונקט פון זיין גאנצער קאריערע!! זאל ער אזא געלעגנהייט פארוואשן? מ'דארף פארשטיין די אינדוסטריע. כ'קען עס נישט בעסער מסביר זיין.

**און אן ערנסטע תגובה פון דער זעלבער וואך**

א טאג שפעטער, ווען דער שטורעם איז שוין געווען פארביי, האט דער ניק קפנדריא געשריבן אין דעם זעלבן אשכול:

**קפנדריא**

דער עיקר, נישט פארגעסן געבן א שבח פאר'ן בורא עולם אז ער האט אונז אפגעשוינט. ס'האט געקענט זיין א קאטאסטראפע, חס ושלום; מיר זענען אפגעקומען מיט א שרעק און אביסל ”אווער-סטאק” אין די פרידזשידער און שאפעס.

קאלום • חידות

# חידות פון די ארכיוון

שפּיגלען, זייגערס, קאַרטלעך און אַ טעלעפאָן-נומער – פּרוביִרט אַליין, די ענטפערס זענען אונטן

קאווע שטיבל, "סייענטיפישע קושיות, רעטענישן, היכי תימצאס און איבעיות" און "לייז אויב ביסט קלוג"

יידל, chusid, שמעון וואלף, ונבנתה העיר, מי אני

2023–2012

**אויף קאווע שטיבל האט מען יארן לאנג געשטעלט חידות – געוויסע פשוטע, געוויסע וואס האבן צעקריגט דעם גאנצן פארום. דא זענען עטליכע פון די שענסטע. לייגט צו די הענט צום קאפ, און ערשט דערנאך קוקט אין די ענטפערס.**

### חידה 1: דער שפּיגל
יידל, דעצעמבער 2012

פארוואס, ווען מ'לייגט א בוך צו א שפיגל, ווערן די ווערטער ארומגעדרייט רעכטס צו לינקס, אבער נישט פון אויבן אראפ? וואס איז אזוי ספעציעל ביי דער האריזאנטאלער ליניע (די ליניע וואס לויפט פון לינקס צו רעכטס אדער פארקערט), אז זי ווערט ארומגעדרייט, אבער די ווערטיקאלע ליניע (די ליניע וואס לויפט פון אויבן אראפ אדער פארקערט) בלייבט די זעלבע?

### חידה 2: דער זייגער
chusid, פעברואר 2015

איינער האט געדינגען ארבעטער צו ארבעטן פאר אים 10 שעה, און ער וועט זיי באצאלן $300 מיט א שיינעם זייגער. למעשה האט ער זיי פארשיקט נאך 6 שעה, און באצאלט $140 מיט דעם זייגער. וויפיל איז דער זייגער ווערט?

### חידה 3: די צוויי ברידער
chusid

אברהם איז אלט 4 יאר ווען זיין ברודער משה איז אלט 21 יאר. ווי אלט וועט אברהם זיין ווען משה וועט זיין פונקט צוויי מאל אזוי אלט ווי ער?

### חידה 4: ראובן און שמעון
שמעון וואלף, מערץ 2015

ראובן זאגט צו שמעון: "איך בין דריי מאל אזוי אלט ווי דו ביסט געווען ווען איך בין געווען אזוי אלט ווי דו ביסט יעצט." די יארן פון ראובן און שמעון צוזאמען זענען 65. ווי אלט איז ראובן, און ווי אלט איז שמעון?

### חידה 5: דער טעלעפאן-קונץ
ונבנתה העיר, דעצעמבער 2014

ביים יערליכן חנוכה-פארטי האט מען – כמיטב המסורת – פארגעשטעלט אן אינטערעסאנטן חשבון:

1) שרייבט אראפ סיי וועלכע 7 ציפערן – אייער טעלעפאן-נומער למשל. 2) נעמט די ערשטע דריי און מאכט עס טיימס 80. 3) מאכט פלוס 1. 4) מאכט טיימס 250. 5) יעצט מאכט פלוס די לעצטע 4 ציפערן וואס איר האט אויסגעקליבן. 6) טוהט נאכאמאל סטעפ 5. 7) מאכט מינוס 250. 8) יעצט צעטיילט עס אויף 2.

וואס איז ארויסגעקומען, און פארוואס?

### חידה 6: די ליפּן און דאָס קול
ונבנתה העיר, מאי 2015

יעדער ווייסט אז דונער און בליץ געשען אין דער זעלבער צייט, און מיר זען דעם בליץ פאר'ן הערן דעם דונער ווייל ליכט פארט שלא בערך שנעלער ווי קול. שטעלט זיך די קושיא: ווען מיר קוקן אויף א מענטש בשעת ער רעדט, זען מיר דאך אז זיינע ליפן און זיין קול זענען "אין סינק". לכאורה וואלטן מיר געדארפט זען ווי זיינע ליפן רירן זיך פריער ווי מיר הערן וואס ער זאגט?

### חידה 7: די פיר קאַרטלעך
מי אני, מאי 2020

אויפ'ן טיש ליגן פיר קארטלעך: A, 4, D, 7. יעדעס קארטל האט א נומער אויף איין זייט און א בוכשטאב אויף דער אנדערער. איר האט א היפאטעזיע: יעדעס קארטל וואס האט א וואוועל (A, E, I, O, U) אויף איין זייט, האט אן איוועון (גראדן) נומער אויף דער אנדערער זייט. וועלכע קארטלעך – און נישט מער –

דארפט איר איבערדרייען כדי צו פרובירן די היפאטעזיע?

**חידה 8: ראובן, שמעון און לוי** מי אני, מערץ 2023

ראובן קוקט אויף שמעון, און שמעון קוקט אויף לוי. ראובן איז פארהייראט, און לוי איז נישט. קוקט א פארהייראטער מענטש אויף אן אומפארהייראטן מענטש? יא, ניין, אדער מ׳קען נישט מברר זיין?

### די ענטפערס

1) דער שפיגל דרייט גארנישט "רעכטס צו לינקס": ער דרייט פארנט צו הינטן, פונקט ווי נאסע טינט וואס מ׳דריקט צו צו א פאפיר (יידל). די זאך איז באקאנט אלס "פיינמאן׳ס שפיגל-פראבלעם", נאכ׳ן אידישן פיזיקער ריטשארד פיינמאן, א נאבעל-פרייז געווינער, וואס האט עס געליבט צו דערקלערן מיט הומאר.

2) $100 (יאיר). דער זייגער פלוס $300 איז די באצאלונג פאר 10 שעה, און דער זייגער פלוס $140 פאר 6 שעה: (x+300)/6/(140+x) = 10, דאס הייסט x5+700 = 900+3x, און x = 100.

3) 17 יאר (יאיר). x = 2(4+x)+21 – קומט אויס x = 13. אברהם וועט זיין 17 און משה 34.

4) ראובן איז 39, שמעון איז 26. (מיט 13 יאר צוריק איז ראובן געווען 26 – אזוי אלט ווי שמעון יעצט – און שמעון איז דעמאלט געווען 13; דריי מאל 13 איז 39.)

5) עס קומט ארויס דער זעלבער נומער וואס איר האט אנגעהויבן (געפילטע פיש): סטעפ 3, 4 און 7 מעקן זיך אויס איינער דעם אנדערן (1 טיימס 250 איז פלוס 250, וואס ווערט אוועקגענומען אין סטעפ 7); 80 טיימס 250 צעטיילט אויף 2 איז 10,000, וואס שטעלט די ערשטע דריי ציפערן אויף זייער פלאץ; און די לעצטע פיר צוויי מאל צוגעלייגט און צעטיילט אויף 2 בלייבן פיר.

6) עס איז טאקע אפגערוקט, נאר א ביסל (קול דודי): געווענליך שטייט מען דריי-פיר מעטער ווייט פון דעם מיט וועמען מ׳רעדט, וואס מאכט אויס בערך 10 מיליסעקונדעס – צו ווייניג אז ס׳זאל אויסקוקן מאדנע. פרובירט: שטייט מיט איינעם אויף צוויי עקן פון א גרויסן ליידיגן פעלד, און בעט אים ער זאל קלאפן מיט די הענט צום טאקט. וועט איר הערן דעם קלאפ בשעת זיינע הענט זענען שוין אפן.

7) נאר A און 7 (מי אני). נאר די צוויי קענען אפפרעגן די היפאטעזיע: אויב האט די A אן אומגראדן נומער אויף דער אנדערער זייט, אדער די 7 א וואוועל. די D מעג האבן וואס זי וויל, און אויך די 4 מעג האבן א קאנסאנאנט. דער ענגלישער פסיכאלאג פיטער וועיסאן האט געפונען אז נישט אפילו 10% פון מענטשן ענטפערן ריכטיג; רוב דרייען איבער A און 4 – ווייל מ׳זוכט ראיות פאר וואס מ׳האלט שוין.

8) יא, מכח ממה נפשך (מי אני). אויב שמעון איז פארהייראט, קוקט ער אויף לוי, וואס איז נישט; אויב שמעון איז נישט פארהייראט, קוקט ראובן, וואס איז פארהייראט, אויף אים.

### און צום סוף: א מאטעמאטישער וויץ

דריי מענטשן – אן אינזשעניר, א ביאלאגיסט און א מאטעמאטיקער – שטייען פאר א ליידיגן געביידע און זען ווי צוויי מענטשן גייען אריין. נאך א ווייל קומען פון דארט ארויס דריי מענטשן. דער אינזשעניר רופט זיך אן: "עס מוז זיין אז אונזער אפשאצונג איז נישט געווען ריכטיג." דער ביאלאגיסט זאגט: "ניין, זיי האבן זיך געמערט." רופט זיך אן דער מאטעמאטיקער: "וואס איז אזוי שווער? גאנץ איינפאך: אויב גייט יעצט איין מענטש אריין אינעם געביידע, וועט ער ווידעראמאל זיין ליידיג..." (דיכטער, 2023)

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2500.html

# ארכיוו

נומער 1 · מאנטאג, פרשת לך לך תשפ"ז

### די קוועלער פון נומער 1

- **די וועלט איז רונדיג, אדער פלאך? (ערשטער טייל)** · יידל; תגובות: חאצקל, געפילטע פיש, תחכמוני · קאווע שטיבל, פארום "היסטאריע", 4.11.2012
- **א שבע ברכות ביי מומע יענטל** · יואב · קאווע שטיבל, פארום "א שמייכל", 12.12.2013
- **א ראבאטישע וועלט!** · זאלצוואסער · בלאג "זאלצוואסער", 18.8.2013
- **א הספד אויפ'ן I-POD** · יגר סהדותא · אידישע וועלט, 25.10.2007
- **העלפט א ציגארעטל צו בארואיגן?** · אלזא און די חברים · קאווע שטיבל, פארום "געזעלשאפט", 2012–2024
- **די זיבן בריקן פון קעניגסבערג** · מי אני, פארוואס? · קאווע שטיבל, 22.5.2020
- **היינט מיט X יאר צוריק** · ידען, קליגער איד, יידל, ישראל קאפקע, פארוואס?, יאיר, מי אני, תוהו ובוהו · קאווע שטיבל, 2012–2022
- **די תגובה פון דער וואך** · זר זהב, פיקציע, קפנדריא · קאווע שטיבל, 29–30.10.2012
- **חידות פון די ארכיוון** · יידל, chusid, שמעון וואלף, ונבנתה העיר, מי אני, יאיר, געפילטע פיש, קול דודי, דיכטער · קאווע שטיבל, 2012–2023

### בילדער

- לעאנהארד אוילער – יאקאב עמאנועל האנדמאן, 1753 · פובליק דאמעין · וויקימעדיע קאמאנס
- אייפאד – Evan-Amos · פובליק דאמעין · וויקימעדיע קאמאנס
- שטורעם "סענדי" – NASA / NOAA (Suomi NPP), 28.10.2012 · פובליק דאמעין · וויקימעדיע קאמאנס
- דער ליקוי לבנה, דער שבע ברכות טיש, דאס מקוה-קארטל און דער גרעף פון קעניגסבערג – געצייכנט פאר "ארכיוו"

### די ארכיוון

**קאווע שטיבל** 2012–2024 · **היידפארק** 2003–2026 · **היימישע שטותים** 2004–2006 · **פאליש** 2013–2018
**דער קרעטשמע** 2014–2018 · **היימישע קרעטשמע** 2006–2008 · **היימישע ווינקל** 2008–2010
**אידישע וועלט** 2006–2011 · **יידיש נייעס פארום** 2009 · **אייוועלט** 2006–2024 · **אייוועלט** 2026–
**א וועלט מיט וועלטעלעך** 2004–2012 · **זאלצוואסער** 2012–2021 · **די ערשטע חסידישע בלאגס** 2002–2021
**קאווע שטיבל אויסגאבעס** 2012–2016 · **לקוטי בתר לקוטי** 2012–2025 · **מייסטערווערק** 2024
**כוואליעס** 2024– · **באלעבאס** 2010–2013

### א ווארט פון דער רעדאקציע